„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

ירושלים
לידער פּאָעמעס באַלאַדעס
אַ בוך .פון 140 זייטן
פון
א. נ. שטענצל
צו באַקומען
אין אַלע בוכהאַנדלונגען
אין ווייטשעפּל
פּרייז: 7 שילינג און 6 פּענס

פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
אַרבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אַלדגייט. א.1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
רעפעראַטן לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע
ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
ווענדט אַלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראַל-סעקרעטאַר:
ווער אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פרייַנט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 30־טן אַפּריל 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי" קונסט גאַלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1.
משל און סאַטירע אין דער
יינגער יידישער ליטעראַטור
עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־
ציעס און רעדעס:
אייזיק גאָלדבערג, י. ביעטש, אליהו פּאָ־
לושאַק, נעט רובין און דאָראַ דימאַנט
אַרייַנפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פרייַ פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 5 (העפט 112) צענטער יאַרגאַנג מאַי 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

ישראל ואוריתא וקב״ה חד הוא ** 1
ארץ ישראל פּאַנאָראַמע — ד״ר יעקב י. מייטליס 4
דער איינציקער איסורעג (דערציילונג) — י. ביעטש 9
בויער, טרוימער און קעמפער אין מדינת ישראל — ש. ערנסט 14
נפתלי הערץ אימבער (פּאָטאָגראַפיע) 16
י. ח. ברענער אין לאָנדאָן — שלמה אויערבאַך 17
יוסף חיים ברענער (פּאָטאָגראַפיע) 18
משה אייזן הר נבוי, יאָרצייט־ליכטלעך, ירושלים (לידער) — א. נ. שטענצל 22
דורך פאַרפרעמדונג צו קריסטאַליזירונג און סינטעז (עסיי) — לעאָ קעניג 27
געוואָרן אַ טרעמפּ (דערציילונג) — אסתר קרייטמאַן 32
וואָר און טרוים, נישט לעשט זיך אוים (לידער) — מאַקס הערשמאַן 37
מיין מאַמע אין געטאָ (ליד) — יצחק ווינער 38
טונקלע טעג (דערציילונג) — א. מ. פוקס 39
חסידיזם אין דער ווירקלעכקייט — מ. ווילענסקי 44
„אין אייראָפּע און ביי אונדז אונטערן אויוון" — אליהו פּאָלושאַק 49
„דער כהן" פון יעקב אדלער (בילד) 53
אַ בריוו פון משה עובד און אַ ראַדיאָ רעדע אין ניו יאָרק 54
דער כאַר בעזאַנג — ס. פּאַלמע 56
„עפּיזאָדן און מאָמענטן פון אַ לעבן" — יוסף הלל לעווי 57
לייענען (עסיי) — יוסף לעסטאָוויטש 61
אַ זונטאָג אין אַרבעטער רינג — מ. מינדל 65
די פּועלי־ציון אין דער צייט פון דער היסטאָרישער פאַרווירקלעכונג — שמואל האַלפּערן 67
קליינקייטן — מ. אַלמאַן 70
יידישע אַרבעטער הילף קאָמיטעט — י. ה. פּאָדאָלסקי 71
דאָס נייע יידישע טעאַטער — א. מיזעלס 73
1. י. ל. פּרץ פייערונג אין 10 יאָר י.ל.ש.ג.מ.
2. 6־טער יאָרצייט פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ — ש. 76
קולטור־ידיעות אין לאָנדאָן 80
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 80

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנעמענטס־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

## צום ערשטן יום-טוב-טאג ה. איר

מיט אלע יידן אין דער גאנצער וועלט פרייען מיר זיך מיטן יום־טוב־טאג ה. אייר, דעם גרינדונג־טאג פון דער יידישער מלוכה — עס זאל זיין א בנין לעדי עד!

לשון און לעבן

---

מיר שיקן אונזערע הארציקסטע באגריסונגען אין יידישן לאנד ישראל, צו דער מלוכה, צו דער כנסת, און צו אלע יידישע ביגער אין אונעזר מדינת ישראל — אין אלצדינג וואס איר טוט און וועט טון זאל זיין מזל און ברכה!

פריינט פון יידיש לשון

---

## דער לידזער קולטור-צענטער

שיקט זיינע הארציקע ברכות צו דער נייער מדינת ישראל. זאל זי זיין אַ לייכטענדער זייל פאר אלע פעלקער און זיי ווייזן דעם וועג צו יושר און שלום.

לידז, מאי, 1949.

יעקב טיילאר, פארזיצער. וואלף ריפקין, סעקרעטאר.

---

די ברידער נאַראַדיצקי באַגריסן מלכות ישראל צום יאָר־טאָג — ישראל שנה אחת.

בר כוכבא און כרמל

---

איך באגריס די יידישע מדינה און ווינטש גרויס דערפאלג דעם וויטערן אויפבוי.

עמנואל געלטער

---

די האַנט־זעצערס פון „נאַראַד־פרעס" לאָנדאָן שיקן זייערע הארציקע באַגריסונגען צו דער מדינת־ישראל.

---

מיר ווינטשן דער יונגער מדינת ישראל צום ערשטן יאר פון איר באשטיין מזל און ברכה און א קיום פאר אלע אייביקייטן.

מארקס כהן און פרוי בלומע

קלעפטאן, 52 נייטלאנד רד. א.5

---

## דער עולם פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס באגריסט די יידישע מלוכה

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 112) צענטער יארגאנג מאי 1949 לאָנדאָן

## ישראל ואוריתא וקב"ה חד הוא

### שטיקלעך חשבון־הנפש פאר די אלע טאָפּל־לאָיאַליטעטן צום ישראל־טאָג

מיטן ענטשטיין פון דער ישראל מלוכה און מיט איר זיך אויסבויען אין אַ זיכערער היים פאר אלע וואס ווילן בלייבן יידן, וועלן א סך יידישע קרעמלעך פארלירן זייער עקזיסטענץ, זיי וועלן זיך מוזן אליין ליקווידירן; זייער טאפלטע עקזיסטענץ, אי נישט צו ארבעטן און אי גוט צו עסן, וועלן זיי מוזן אויפגעבן. די סומאטאכע פילט זיך שוין אין מאנכע פון די פוסטע שוין האלב אויסגעליידיקטע קרעמלעך, וועלכע האבן דווקא א „גרויסן" שייכות מיט „רעלידזשן" — זיי צערייסן זיך דעם ספאדעק!.....

אבער מיט זיי, מיט אונזערע, וועלן מיר קיין גרויסע שוועריקייטן נישט האבן, — דאך נאר נעבעך יידישע גזלנים! מאשקעס. ווילן זיי רק טאנצן, און אויף וואס מער חתונות!... מיט זיי וועט דער חשבון זיין א גאנץ לייכטער. די בוכהאלטעריע וועט זיין די יידישלעכע אלט באקאנט; האלב ווארפט מען אין וואסער אריין, האלב נעמט צו די וואנט, א טייל וועט זיך „איבערדאסן", א טייל „איבערשיכטן" — דער שיכט מענטשן קאן דאס זייער לייכט... און דער עיקר: וואס וויל דען מאשקע? טאנצן! איז ביז היינט האט ער געטאנצט פאר גויאישן פריץ, וועט ער פון היינט אן טאנצן פארן יידישן...

דער ענין איז לייכט ליקווידירט! ממש א האר פון דער מילך ארויס — ווי יציאת אייראפע!... דא איז אבער די רייד—זיי זאלן מיר שווער נישט אנקומען! — נישט פון יידישע כשרע קרעמלעך, נאר פון א גויאישער גרויסער קראם, פון א הורטאווע געשעפט, פון א גאנצן קאנצערן מיט פיליאלן און קראמען, א וועלט יאריד.

*    *    *

דעם פויפסט'ס ענציקליקע בנוגע ירושלים איז סוחריש געטומען גאנץ פארשטענדלעך. ווארים אויב יידן וועלן טאקע האבן ארץ־ישראל, מיט ירושלים ווי די הויפט־שטאט פון דער יידישער מדינה און דער קבוץ־גליות וועט אָנגיין אין די דימענזיעס ווי ער גייט אָן, — מארבע פינות העולם! — וועט ער דאָך נעבעך, דער פויפסט מיין איך, מוזן איינפאקן דאָס גאנצע קרעמל זיינס אויפן וואטיקאן, ער וועט דאָך מוזן אויפגעבן זיין צוויידייטיקע עקזיסטענץ; אי צו טאנצן פארן גאלדענעם קאלב און אי צו זיין דער איינציקער פארטרעטער פון גאט.....

ווארים די גאנצע עקזיסטענץ פונם וואטיקאן, די כמעט צוויי טויזנט

יאריקע, איז דאך די הייליקע צווידייטיקייט: שלאגט דעם ייד, כדי ער זאל זיין געשלאָגן — דער געשלאָגענער אנטי־קריסט! דאָס איז דאָך זיין גאנצע טאפל פנימדיקע פראפאגאנדע על רגל אחת: קוקט דאך אן דעם ייד, דעם אנטי־קריסט, מיט אייערע אייגענע פרומע קריסטלעכע אויגן קאנט איר זען ווי גאט שטראפט אים און פייניקט אים, דעם ייד; אזוי, רחמנא לצלן, זעט יענער אויס, וועלכער האלט נישט אונזער אמונה... דעריבער זייט גוטע קריסטן שלאָגט אים דעם ייד, זייט אים עוקר מן השורש....

דאָס זיינען טויזנט יאָר פויפסט־ענציקליקעס געשריבענע מיט בלוטיקע און פייערדיקע ריטער פון בלוט־בלבולים און שייטער־הויפנס! נאר אויב אויף אזא צוויי־פנימדיקע געצן־פראפאגאנדע ס'איז באגרינדעט א רעליגיע־קרעמל, אויב מיט אזא יעזואיטן שמייכלדיקן יאנוס־טריק מ'האלט די נאאיווע שעפעלעך, טא וויאזוי קאן מען צולאזן אז יידן זאלן האבן א מלוכה, זיין מיט אלע פעלקער גלייך, נישט מער זיין דערנידריקטע און געשלאגענע; נישט מער האבן אונטער דער האנט דעם שעיר לעזאזל אים צו שלאגן, בכדי צו ווייזן אויף אים מיטן פינגער: זעט ווי ער איז געשלאגן דער אנטי־קריסט — די אלע אויסגעשטעלטע פאלטשע וועקסלעך וועלן דאך צוריק־קומען נישט געצאָלט און ס'איז באנקראָט, רחמנא לצלן.

די פויפסט ענציקלע בנוגע ירושלים איז סוחריש גענומען גאנץ כיטרע. די קאטוילישע קירכע ווי א רעליגיע־סכאלאסטישע גוט געשולטע, ווייסט אז אן ירושלים איז קיין ישראל נישט — דער הר־הצופים איז נישט דער הר המוריה! אז דאס שאקלדיקע קעסעלע מיטן ביסעלע רויכיקן ווייררויך איז נאך אלץ שטארקער פון אלע לאבאראטאריעס, צוזאמענגענומען, אפילו פון די פון רחובות!....

ער ווייסט, דער יעזואיטישער אויסגערעכנטער גאט־פארמיטלער, אז אויב יידן ווילן, חלילה, איינגיין אויף טאפלזייטיקע פאליטישע מאכערייקעס, אויף כל־ערליי מיניסטער־פארטפעל קאמבינאציעס — אויף א מלכות ישראל אן ירושלים, האט ער מנצח געווען.

זיינע בענטשענדיקע הענט וועט ער דעמלט קאנען אויסשטרעקן איבער דער גאנצער וועלט און מיט יעדן פינגער אנווייזן: זעט דעם אנטי־קריסט, דעם אמונה־לאזן ישראל, פאר א מלוכהלע גרויס ווי א שפאן, האבן זיי פארקויפט גאטס נחלה, דעם הר הבית, דעם הר המוריה — — —

ער רייבט זיך שוין די הענט, ער שארפט זיך שוין די נעגל, ווארים זיין ענציקליקע, דעם פויפסט'ס ווערט דאך שוין געפרעפלט נישט נאר פון נאאיווע שעפעלעך אין די קירכעס, נאר פון כיטרע מיניסטארן... אבער איז דען נישט געווען, דער יידישער קאמף, די גאנצע צוויי טויזנט יאר, די הייליקע ווייררויך־שמעקער, די יאנוס־מאסקעס פון זייערע פנימער אראפצורייסן און צו באַווייזן פאר דער גאנצער וועלט זייער געצן־גלאציקע ליידיקייט?

ווארים, אויב מחנות יידן פארקוילטע אויף די שייטערהויפנס, פארמענצעטע אין די מארטער־קאמערן האבן מיט זייערע לעבנס באשיצט דעם



ירושלים של מעלה און רוים מנצח געווען, דעם לאנגן פינסטער גלות געקעמפט און אויסגעהאלטן, און דעם הר המוריה נאך העכער אויפגעבויט, נאך הימלישער, וועלן אונזערע שטאלצע קעמפער איצט, אין זייער לעצטן קאמף, זיך חלילה אונטערגעבן און פארלירן?

עס איז דער אַלטער און אייביקער קאמף: רוים, אדער ירושלים! און ביזן לעצטן טראפן בלוט מוז ער, דער קאמף, אויסגעקעמפט ווערן, אז דער וואטיקאן זאל מיט אונזער בלוט ניט זשירירן זיינע צוריקגעקומענע וועקסלען, זיין קאנצערן קראם נאך צו פארגרעסערן — ווי ס'געשעט נאך יעדן באנקראט!......

און אויב, חלילה, איבערן הר המוריה וועט הערשן דאס גאלדענע קאלב, וועלן זיך שוין געפינען די מאשקעס, וואס וועלן ארום אים ארומטאנצן.

* * *

און צום סוף וועגן אונזער אייגענער בוכהאלטעריע: יידיש העברעאיש.

פון די וואָס שרייען: „יידיש איז טויט, יידיש שטארבט“, פון די דאָזיקע ריידן מיר נישט; דאס זיינען דאך יענע „כלבים צועקים מלאך המות בעיר“; צו זיי געהערן די גראב־יינגערישע אויפגעקומענע, מיט זייערע עמי־הארצישע „היברו־טיטשערס“ און האלב־אסימילירטע „ראבײ־רעווערענדס“.

אויב מיר ריידן פון בוכהאלטעריע, מיינען מיר יענע האלב אינטעליגענץ, וואס ווייס שוין פון קרעדיט און דעביט, פון הוצאה והכנסה, פון די, וואס מיט די ליפן ריידן זיי: טאקע יידיש, מאמע לשון, עמך, די מאדערנע פאלקס־ליטעראטור... אבער אין זייערע מעשים באנעמען זיי זיך ווי די קברנים פון אונזער שפראך און ליטעראטור; אט־א פאר די, וואס אונזער גאנצער הכנסה ווילן זיי רק אויסגעבן אויף זייער אייגענער הוצאה, אט־א פאר די טאפל־טענצער, מיט אזעלכע לאיאליטעטן, מוזן מיר זיך היטן, נאך ערגער ווי פארן טויט —

פאר אט־א אזעלכע חוץ־לארץ־אפישעלס און ישראל־פקידים איז איין קלייניקייט צוטיילן דאס יידישע פאלק אין ישראל און אין יידן — —

פאר אונזער איינעם, אבער, וואס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון יידיש, אינם המשך פונם יידישן נישט טיילבארן שאפן, — אינם יעקב חלום ווו פון אלע שטיינער ווערט איין אבן־שתיה פאר ישראלס צוקאפנס, ווו שוועבנדיקע מלאכים גייען ארויף און אראפ,—דער יידיש גלויבן אליין שוין איז א גענוגנדיקער באווייז פאר דער עזיסטענץ און זיכערקייט פון ישראל, פארן באשטיין פון מלכות ישראל; אין דעם איינעם יאר שוין, וואס די יידישע מדינה עקזיסטירט איז יידיש דארטן געווארן, — נאך העברעאיש נאטירלעך! — די מיינסט עקזיסטירנדיקע און שאפנדיקע שפראך — „ישראל ואוריתא וקב״ה חד הוא“.

פ.ס. בנוגע די פאליטישע טאפל־טאקטיק: מאסקווע־ניו־יארק! מיט דיפלאמאטישע צוויי־פנימדיקייט וועלן מיר זיכער קיינעם פון ביידע צדדים נישט קענען צופרידן־שטעלן. — ווארים פאליטישע סכאלאסטיק איז נאך פויפסטלעכער ווי דער פויפסט! — אָבער מיטן ערלעכן „דבר אדוני מירושלים“ וועלן מיר אפשר קענען ברענגען דעם פרידן און די גאולה פארן מענטש

## ד״ר. יעקב י. מייטלים

# ארץ ישראל פּאַנאָראַמע*

(נאָטיצן פון אַ רייזע)

ב

### 1. חיפה

אויפן הויפּט־שאָסיי פון תל־אביב קיין חיפה ליגט דאָס אַראַבישע דאָרף פּאַראַדיס. עס זעט אויס ווי אַן אָאַזיס אין דעם אויפגערודערטן ים פון דער יידישער ווירקלעכקייט, וואָס דער שטורעם פון די לעצטע חדשים האָט כמעט אויסגעמיטן און איבערגעלאָזט אין גאַנצן אומבאַרירט. ליגט דאָס דערפל מאַלעריש איינגעבעט אין די בערג, פון וואַנען עס שיינט אַרויס מיט זיין זוניקערווייסקייט און פאַרשלאָפענער אָפּגעלאָזנקייט. שפּילן זיך טומלדיק די קינדער אין דרויסן און בטלנ׳דיקע אַראַבער זיצן און קוקן מיט נייגיר אויף יעדן פרעמדן, וואָס דערנענטערט זיך צו זיי. זעען זיי און זייער קליינער ישוב אויס ווי אַ פאַרכשופטע אַראַביש־אָריענטאַלישע אינזל אין אַ ברויזנדיקן ים, ווו עס שלאָגן זיך אָן הויך און מעכטיק די כוואַליעס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און איבערבוי. אַרבעטן זיי, די אָרטיקע אַראַבער שוין כמעט צוויי דורות אין דער נאָענטער קאָלאָניע זכרון יעקב און לעבן בשלום מיט די יידן. האָבן זיי איבערגעשטאַנען דעם יצר הרע פון שנאה צו זייערע יידישע שכנים און זיך נישט געלאָזט מיטרייסן פון דער בהלה און נישט אַנטלאָפן. זיינען זיי געבליבן זיצן אויף זייער באָדן מיט זייער האָב און גוטס און קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט. גייען זיי טאַקע אָן מיט זייער טעגלעכער באַשעפטיקונג אומגעשטערט און לעבן, ווי אַ סך אַנדערע אַראַבער אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, גליקלעך, אַלס פרייע בירגער פון דער יידישער מדינה.

אין חיפה בלאָזן אַנדערע ווינטן, קילערע און ליבלעכערע ווי אין תל אביב. חיפה איז בעצם אַ וווּנדערלעכע שטאָט. אז מ׳קומט אַהער פון תל אביב איז גלייך, ווי מ׳וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערער וועלט. תל אביב — די מעטראָפּאָליס, איז דער צענטער פון יידישן לעבן, די רעזידענץ פון דער רעגירונג. דאָרט איז קאָנצענטרירט דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד און ממילא דער זיץ פון אַלע וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. דערשיינען טאַקע אין תל אביב אַלע העברעאישע (לרבות אויך יידישע און אַנדער שפּראַכיקע) צייטונגען, זשורנאַלן און צייטשריפטן. דאָרט איז די היים פון העברעאישן טעאַטער, פון דער אָפּערע און פון קונסט, פון בוך און פאַרלאַג. תל אביב איז אויך דער צענטער פון מסחר, פון פינאַנץ און אינדוסטריע. דאָס לעבן איז דערפאַר דאָרט פאַרביק, רוישיק און קאָכעדיק. אַלע פאַרפאָרן קודם כל קיין תל אביב, דעם נייעם ניו יאָרק אויפן מיטל־לענדישן ים. יעדער פּרובט דאָרט זוכן זיין ביסל גליק, דער פּאָליטיקער, וואָס זוכט אָריענטאַציע, דער געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס נויטיקט זיך אין אינפאָרמאַציע, דער סוחר און אינדוסטריעלער, וואָס זוכט פאַרבינדונגען, דער שרייבער און קינסטלער, דער בעל מלאכה און אַרבעטער, דער גרינער און סתם ייד, — אַלע קומען זיי אַהער און טראָגן אַריין אין דער דאָזיקער ברויזנדיקער, נערוועזטעמישער שטאָט נאָך מער אימפּעט, מער יאָגעניש און אומרו. אַ פערטל מיליאָן יידן לעבן אין דער שטאָט און אַרומלויפן איבער אירע גאַסן לויפט אַרום אַ מיליאָן יידן.

דאָ האָבן שוין מענטשן גאָר קיין צייט נישט. אַלע זענען זיי פאַרהאָרעוועטע און פאַרשמאַיעטע. מען אַרבעט איבער די כוחות און נאָר אויף איין טאָג אין דער וואָך שטעלט זיך אָפּ דער דאָזיקער מעכטיקער, רייסנדיקער תל אביב־סמבטיון. שבת פאַרגינט מען זיך אַביסל אָפּצואָטעמען.

תל אביב איז, ווי אַ העברעאישער שרייבער האָט אַנומלט באַמערקט, אַ שטאָט פון חול, פון וואָכעדיקייט און זאַמד (חול אַ וואָרטשפּיל, באַצייכנט אי זאַמד און אי וואָכעדיקייט). זי איז האַסטיק און לייכטזיניק, אַלץ איז געבויט אויף דער שנעל מיט ווייניק פּלאַן און אַרכיטעקטורעלער שיינקייט און מיט אַ גרויסער מאָס פון וואָכעדיקייט. חיפה דאַגעגן האָט מער פּאָעזיע, איז סאָלידער און יוסטער. זי איז געלאַסענער און רויקער, צניעות׳דיק באַחנ׳ט און פול מיט טעם. תל אביב איז גביריש־אויפגעקומען, שטאַרק אַמעריקאַניש אין טעמפּאָ, יינגלעריש־האָפערדיק, יונג, צאַפּלדיק און דינאַמיש. חיפה דאַגעגן רייסט נישט איין קיין וועלטן, זי שטורעמט נישט, יאָגט זיך נישט נאָך קיין עשירות. זי איז סטאַטעטשנע, גוט בירגערלעך, ווויל איינגעפונדעוועט מיט אַ זין פאַר צייט און שיינקייט.

האָט טאַקע חיפה גענוג יחוס עצמה. זי איז קודם כל אַן אַלטע שטאָט, קוקט שטאָלץ צוריק אויף אַ לאַנגע טראַדיציע. זי איז שיין. אַן עיר נוף און ליגט רחבות׳דיק צוליגט אויף דעם רוקן פון כרמל, מיט אַ וווּנדערלעכן אויסקוק אויפן ים התיכון. די אונטערשטע שטאָט האָט בעת די קאַמפן פון פאַריקן יאָר אַ סך געליטן, זענען גאַנצע הייזער בלאָקן געוואָרן אויפגעריסן און ליגן אין חורבות. וועט מען באַלד אָנהייבן אָפּרייניקן די חורבות און זיך נעמען בויען נייע הייזער פאַר די אַלץ וואַקסנדיקער באַפעלקערונג פון חיפה.

די שטאָט שפּרייט זיך אָבער אַלץ מער און מער אויס אַרויף צו אויפן באַרג, אויפן קאַרג פון כרמל. דאָרט קלעטערן הייזער אַרויפצו אַלץ העכער און העכער, ווייט אַרויס איבערן לב הכרמל (דער צענטראַלער כרמל) איבער דער באַקאַנטער „אחוזת הערברט סאַמועל״ און נאָך ווייטער. וואַקסט חיפה און מיט איר דער וווילשטאַנד פון די מענטשן. איז אין און אַרום חיפה קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער שווערער און מיטלער אינדוסטריע, געפינען זיך אין מפרץ חיפה די באַקאַנטע נאַפט ראַפינעריעס און יעדן טאָג גריסן דיך אַ צענדליק שיפן מיט פענער פון אַלערליי פעלקער און לענדער, וואָס קומען אָן אין חיפה׳ר פּאָרט.

אַ זון־אויפגאַנג אויפן כרמל אין דער שטילקייט פון דער נאַטור איז אַ מין התגלות, וואָס איבערחזר׳ט זיך יעדן טאָג. אָבער וואָס פאַרלירט נישט

*המשך פון נומער 4 (אַפּריל 1949)

דעם כח פון דער שפּראַך, מיט וועלכער זי רעדט צום מענטש. די זון גייט פאַמעלעך, צניעות׳דיק מיט געמאָסטענע טריטעלעך אַרויס פון מזרח, ווי אַ חתן פון זיין חופּה, און באַגיסט מיט אַ גאָלדענעם גלאַנץ די ביימער. די בערג גלימערן אין אַ רויט־בלויען גלאַנץ, בשעת אויף דער מערב־זייט ליגט דער ים אויסגעשפּרייט אַ רויקער, אַ שפּילעוודיקער, כמעט אָן אומבאַוועגלעכער, עס הערשט אַן ענדלאָזע שטילקייט, די נאַטור טובל׳ט זיך בראשית׳דיק־פריש אין אַ ים פון פאַרביקייט, — אַלץ גיסט זיך צונויף צו איין הימלדיקער האַרמאָניע.

* * *

## 2 אין צפון פון לאַנד.

מאָנומענטאַל, אַטעם־פאַרכאַפּנדיק איז די אַ״י־ווירקלעכקייט. אַלס אַ יחיד פאַרשווינדט מען, ווערט מען עפּעס בטל אין איר. ווי אין אַ כשוף־ראָד ווערט מען אַריינגעצויגן אין איר, אַריינגעכאַפּט אין דער קאָכעניש, אין דער צאַפּלדיקער דינאַמיק, אין דעם בראשית׳דיקן פּראָצעס פון אויספורעמונג. מ׳איז עפּעס נישט מער זיך זעלבסט. עס איז אַ מין התבטלות פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט.

די מענטשן דאָ, בפרט די יינגע, זענען עפּעס גאָר פון אַ באַזונדערן טיפּ. זיי, די היינטיקע גבורים, די זיגער און בויער פון לאַנד זענען זעלבסטזיכער און פעסט, פּשוט און נישט־פּרעטענציעז, וואַרים, מיט נשמות פון קינדער און וויזיאָנערן. אַלע זענען זיי דאָ עפּעס פול מיט חזון, מיט נבואה, כולם מתנבאים במחנה. גבורה, אַנטשלאָסנקייט און פּשטות שיינט אַראָפּ פון די פּנימער פון דער יוגנט, פון די היינטיקע מכבים.

אומעטום אין שטאָט און אויפן לאַנד שטויסט מען זיך אָן אין דעם נייעם טיפּ מענטש, וואָס דער באָדן, דאָס לאַנד האָט טראַנספאָרמירט. מיט גרויס ליבשאַפט און אַ געפיל פון קדושה האָבן זיך די טאַטעס און זיידעס, אין ווע־מענס הערצער ס׳האָט געברענט אַ פייערדיקע אומרו צו גאולה, גענומען אָפּ־רייניקן און באַאַרבעטן דעם וויסטן באָדן, אויסטרוקענען די מאַלאַריאַ־זומפּן און באַפרוכפּערן די ערד. מיט דער זעלביקער מסירת נפש און געפיל פון התרוממות האָט אַ ישוב פון עטלעכע הונדערט טויזנט יידן געקעמפט ביז צו אויסגעשעפּטקייט פאַר דער באַפרייאונג נישט נאָר פון זיך זעלבסט, נאָר פון די הונדערטער טויזנטער יידן אין די לאַגערן און אין די מדינות פון זייער צושפּרייטקייט, פאַר זייער פרייהייט און רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג, דאָס רעכט צו קומען אַהיים.

אין די קבוצים, אין דער טאָג־טעגלעכער פאַרבינדונג מיט דער האַר־טער, פאַרכשופטער ערד, איז אויסגעוואַקסן גבורה, דיסציפּלין און אחריות. דאָרט איז אויסגערייפט אַ געפיל פון אינעווייניקסטער פרייהייט פון מענטש, אפשר אַ באַגרעניצטע פרייהייט, וואָס שיידט זיך אָבער לגמרי אָפּ פון הפקרות און פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטונגלאָזיקייט. דאָ, אויף דעם האַרטן באָדן פון דער אַ״י־דיקער ווירקלעכקייט, איז געוואָרן געשטאַלט דער ווילן צום קיום



און נצחון, דאָ זענען געוואָרן געלייגט די יסודות פאַר דעם איצטיקן באַפריי־אונג־קאַמף, וואָס איז געוואָרן געפירט מיט עקשנות, אָן מורא, מיט רו, מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און זאַך־קענטעניש. דאָ האָט זיך געהאָדעוועט אַ דיסציפּלין, אַ טיפע, אָן אמת׳ע, וואָס ווערט נישט געשמידט אין די קאַזאַר־מעס אָדער אויפן שלאַכטפעלד, נאָר זי איז אַ פּראָדוקט פון פרייער, טיפער הומאַניטעט, פון טאָג־טעגלעכער שטרענגער אַרבעט, אָן אַרבעט אַרום און אין זיך, וואָס איז געוואָרן געהייליקט אין פייער פון נשמה׳דיקן געראַנגל נאָך שלמות און גאולה. אין די דאָזיקע קבוצים, אין צפון ווי אין דרום פון לאַנד, ווערט אָפּט דער נייער עולה, דער יינגער עלעמענט, וואָס איז מרוצה זיך צו באַזעצן אויפן לאַנד, איבערגעקאַכט און געגרייט צו התיישבות. דאָרט ווערט ער אויסגעפורעמט, געשטאַלט מיט אַ ווילן אויסצוהאַלטן, צו גיין פאָרויס אין דעם פּראָצעס פון כבוש האדמה און כבוש עבודה (פון דעראָבערונג פון באָדן און פון דער אַרבעט), צו טראָגן אין זיין הארץ אַ ליבשאַפט צו דער ערד, וואָס שפּייזט אים און טראָגט אים. ער וועט דער ערד נישט ווערן אומטריי, ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, ער מוז און וועט בלייבן זיגרייך.

אַז דער, מיט דער ערד צוזאַמענגעבונדענער, מאָדערנער ייד איז דערצו בכח. האָבן מיר געזען בחוש. פאָרט איר קיין ניצנים, קיין אשל אין נגב, זענט איר אין נגבה, אין משמר העמק, אין מנסורה אָדער זרעין, — אומעטום האָט איר די בולט׳ע באַווייזן פון דעם גרויסן וואונדער, פון דעם שטאָלענעם ווילן אויסצוהאַלטן, זיך אַריינצובייסן אין דעם האַרטן, אָפט אומפרייַנדלעכן באָדן, אויף אים בלייבן, אים נישט צו פאַרלאָזן. אומעטום זענט איר אָן עדות פון די זעלביקע מעשים, פון האַרטער אַנטשלאָסנקייט, פון גרייטקייט צו קאַמף און קרבנות. עס איז אַ לאַנגע גבורה׳דיקע עפּיק פון אַ שווערן, בלוטיקן געראַנגל, וואָס קומענדיקע דורות וועלן אַרום אים וועבן ווייערע האַרציקע מעשה׳לעך און גבורים־לעגענדעס.

* * *

עין־חרוד, דער שטאַרק פאַרפונדעוועטער קבוץ אין באַרימטן עמק יזרעאל, האָט שוין נאָך קאַרגע דרייסיק יאָר זוכה געווען צו אַ פערטן דור. זענען שוין דאָרטן פאַראַן עטלעכע משפחות מיט אור־אייניקלעך. עס איז אַ שיינע, אימ־פּאָזאַנטע קיים פון שטאָלצע, פרייע יידן אויף זייער אייגענעם באָדן.

אין טאָקע עין־חרוד איינע פון די קבוצים, וו מען גרייט צו אַ יינגן דור מענטשן צו התיישבות. אַ חוץ „יוגנט־עליה״ קינדער, באַקומען דאָרט אַרבעטער־יוגנטלעכע פון שטאָט זייער דערציונג, און מען לערנט זיי אויך לאַנד־אַרבעט און מלאכות. פון דאַנען גייען זיי אַריבער צו התיישבות, באַזעצן זיך אויף אַ נייעם שטיקל באָדן און מאַכן דערפון דאָס. וואָס די מענטשן פון עין־חרוד און פון אַנדערע קבוצים האָבן געמאַכט, אַ פעסטונג פון יידישן לעבנס־ווילן, אַ פּלאַץ פאַר קרבנות־גרייטקייט און נייער קדושה.

האָט נאָך עין־חרוד אויפצווייזן גאָר אַ זעלטענע און וויכטיקע אינסטיטוציע. פון די אייגענע, אָרימע גראָשנס האָט מען אויפגעבויט אַ קונסט־און

ארכעאָלאָגיש מוזעאום. מעגן זיי טאקע שטאָלץ זיין אויף דער דאָזיקער דערגרייכונג. האבן ווידער אמאל פאנאטיקער, מענטשן מיט א באַציאונג צו קונסט און וויסנשאפט, באוויזן וואָס מען קען טאָן, אויב דער רצון איז גענוג שטארק. עס זענען אפנים נישטאָ קיין גרעניצן פאר די מעגלעכקייטן, וואָס מ׳קאָן שאפן אויף דעם באניטן באָדן פון אלט־ישראל.

* * *

דער וועג פון עמק קיין נצרת שלענגלט זיך ארויף צו די בערג פון גליל התחתון. דער בליק פארכאפט דעם אָטעם.

נצרת איז אין גאנצן אן אראבישע שטאָט. נאָר דער מיליטערישער גאַרניזאן איז אַ יידישער. ווימעלט די שטאָט מיט מענטשן. דער שוק, די קליינע, שמאָלע, ענגע געסלעך זענען פול מיט אראבער. מען האנדלט, מען וואַנדלט. אומעטום זיצן זיי ארום די אומגעשטערטע, פרידלעכע אראבישע בירגער פון דער יידישער מדינה און קוקן מיט נייגעריקע בליקן אויף די פרעמדע, וואָס זענען געקומען באזוכן זייער שטאָט.

וויל זיך אן אראבישער ארבעטער פאר אונדז גאָר אויספיינען, קומט ער צו און רעדט צו אונדז יידיש, גאָר אַ פיינעם, זאפטיקן יידיש. ער איז זער שטאָלץ אויף זיין יידיש. יאָרן געארבעט ביי יידן, האָט ער זיך אויסגעלערנט די שפראך. ווערן יידן נתפעל פון דעם יידיש־רעדנדיקן אראבער און נעמען אראָפּ אַ מוסר השכל פאר זיך, אז עס האלט גאָרנישט אזוי שלעכט מיט יידיש. אפילו אין נצרת רעדן אראבער יידיש!

דער וועג גייט ווייטער איבער בארג־שפיצן, צווישן ברייטע, ליידיקע שטחים ערד. דער אויטאָבוס אין וועלכן מיר פאָרן, גליטשט זיך אָט ארויף און אָט אַראָפּ פון די בערג. אין מזרח ליגן די בערג אויסגעשפרייט אין אַ שלוה׳דיקער פארנאכט שטילקייט, און פאסן בלויקייט לייכטן פון דאָרט ארויס. די נאכט פאלט פאמעלעך צו און אָט שטייען מיר שוין צופוסנס פון ים כנרת. אין דער אוונט־שטילקייט ליגט ער אַ רויקער, אַ מילדער אין דער טיפקייט פון טאָל, אַ פארחלומטער אין דעם כשוף פון דער סביבה.

טבריה דאָס מאָלערישע, קליינע שטעטל ביי די ברעגעס פון כנרת, איז רויק און ציכטיק. נאָר פון צייט צו צייט הערט זיך דאָס גרילצן פון די דזשאַזטענער, וואָס רייסן זיך אַרויס אין דער נאכט־שטילקייט פון די קאַפעען, ווו אַ גאָלדענע יוגנט פון תל אביב באמיט זיך צו פארברענגען אַ פאָר פריילעכע שעה׳ן. בארימט מיט אירע וואַרעמע בעדער, איז טבריה נאָך דערווייל זער אָפּגעלאָזן און אָפּגעשטאנען. אראבער זענען אוועק. יידן האָבן דאָ נאָך נישט באַוויזן צו קומען אין גרויסע מאסן און ארייננצופירן אַן אימפעט און אַ באַוועגונג. איז זי אלץ נאָך פארשלאָפן־שטיל. מיט לידיקע גאסן און גענעצדיקע סוחרים אין זייערע קראָמען. צו תל אביב אָדער חיפה קוט מען ארויף מיט גרויס קנאה. עפעס ווי צו אַ ווייטער אמעריקע. דאָרט לוינט זיך צו לעבן. דאָרט ווערן מענטשן מעשיר! מיגרירן טאקע יידן פון טבריה אהינצו. צו די גליקליכערע און רוישיקע פלעצער, ווו מ׳קען נאָך מאכן לייכט אַ פאָר פונט.



וועט די יידישע רעגירונג מוזן שענקען אַ סך פון איר אויפמערקזאַמקייט דעם פראָבלעם פון די אָפּגעשטאנענע שטעט אין צפון פון לאנד. וועט מען מוזן באזעצן דאָרט יידן אין די טויזנטער, אנטוויקלען די רעסורסן, שאפן אינדוסטריע צווייגן און נייע קוואַלן פון פרנסה. וועלן די שטעט ווידער אויפבליען ווי אַמאָל, וועלן זיי באַקומען זייער אלטן תקון.

* * *

צפת איז געבענטשט מיט אַ סך נאַטירלעכער שיינקייט, אָבער אויך נישט מיט ווייניק אָרימקייט. די שטאָט, ארומגערינגלט מיט בערג, איז אויסגעלייגט אויף אַ בערג־רוקן און שיינט מיט איר ווייסקייט ווייט און ברייט. ווייניק פון דעם נייעם גייסט, פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאַטאָס פון דער יידישער באַנייונג קען מען געפינען אין דער שטאָט פון די אלטע מקובלים, ווו די בערג און טאָלן טראָגן אין זיך נאָך באהאלטן דעם סוד פון אין־סוף און וואָס. דוכט זיך, קלינגען נאָך היינט אָפּ מיט דעם סודות׳דיקן געמורמעל און דעם דבקות און בענקשאפט־געזאנג פון די אַמאָליקע דורות משיח־זוכער.

(סוף פאָלגט)

פעברואר 1949

## י. ביעטש

# דער איינציקער אויסוועג

איינער פון די פריוועליגירטע, וועלכע זיינען געוואָרן איינגעלאַדן אויף יום־טוב צו דער פאמיליע ליכטנפעלד, איז געווען סעם פויגל, א יונגערמאן פון אַ יאָר עטליכע צוואַנציק, וועלכער האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק, צופעליק, זיך איינמאל אין אנאווענט אינעם קאבערע קלוב באקאנט מיט דער יונגסטער טאכטער, בעסי ליכטנפעלד.

סעם איז פון דער נאטור געווען א פריילעכער, א זארגלאזער. פון זיין פריסטער יוגנט, האט ער געהאט א נייגונג צו וואנדערן, א פארלאנג, וואס האט תמיד אים געצויגן צו אומבאקאנטע ווייטקייטן. די לעצטע נייעסן, וואס האבן אמערסטן זיך געדרייט ארום דעם שטורמישן לעבן און די גרויסע דערגרייכונגען אין „פאלעסטיין״, האט אויף זיין יונגע נאטור א שטארקן רושם געמאכט. ער האט פשוט מקנא געווען די בחורים, וואס זייער איינציקער אידעאל איז צו פארן אהין, צו העלפן בויען אן אייגענע היים פאר זייער פאלק. ס׳האָט זיך אין אים דערוועקט די וואנדערלוסט, וואָס האָט אים קיין מנוחה נישט געגעבן. ס׳האט אים ממש געלאקט דאס ווייטע לאנד. נאר צוויי זאכן האבן אים צוריק געהאלטן, דאס נייגצן יאריקע מיידל, בעסי ליכטנפעלד, אין וועלכער ער האט זיך פון ערשטן אויגנבליק שטארק פארליבט, און איבערהויפט די „רייסעס״ פון די הינט, וואס סעם איז געווען אריינגעטון בלב־ונפש.

דעם אין דער פרי ערב־פסח 1947, בעת סעם האט באקומען די איינלאדונג,

איז ער געלעגן ברייט אויסגעצויגן אויף זיין בעט און פויל געליינט די לעצטע נייעס, וועגן די רייסעס פון די הינט. ער איז פלוצלונג געווארן שטארק איבעראשט פון דער מעלדונג, אַז דער הונט, „דער שוואַרצער דיאמאנט", וועלכער האט לעצטנס פארכאפט טויזנטער מחות, וועגן זיין שנעלקייט, לויפט היינט אויף דער נאכט.

אזא צופאל, האט ער ביי זיך געטראכט, א קלייניקייט „דער שווארצער דיאמאנט". זיין פנים האט זיך פלוצים געענדערט, ווען ער האט איבערגעליינט די פּאָר שורות פונם צוגעלייגטן בריוול פון בעסי, בעטענדיק אים אַז ר׳זאל למען השם נישט זיין שפעט צום סדר. שרייבנדיק אים, אז ס׳איז נישט איר שולד, וואס דער פאטער אירער, האט אויך איינגעלאדן אירע צוויי קוזינעס, קיטי און לילי און אנקעל טשארל, „יו נא הים סעם דיר", ספּעציעל ווען ער נעמט אן איבעריקן טראפן, „הא הי טאלקס". ער קומט מיט זיין פאמיליע צו דער „פוירסט" סדר נאכט. „איט וויל בי מאטש פאן"; דערביי אים פארזיכערט, אז זיי וועלן נאך האבן א ביסל איבעריקע צייט, צו גיין אינם קלוב.

א מידער פון א נישט דערשלאפענע נאכט, איז סעם ארונטער פון בעט, פארויכערט א סיגארעט און געצויגן דעם רויך נאכאנאנד. ער האט מיט איינגעהאלטענער אויפרעגונג, געשפרייזט איבערן צימער, ווי איינער וואס איז אין גרויס פארלעגנהייט און ווייס נישט וואס צו טון. צום סדר האט ער קיין חשק נישט געהאט צו גיין, ראשית צוליב דער היינטיקער גרויסע „רייס", פון דעם לאנג אויסגעבענקטן כלב, „דער שווארצער דיאמאנט", והשנית די צוויי איבערגעוואקסענע מוידן, קיטי און לילי, וועלכע ער האט פיינט, פאר זייער נארישע שמועסן, וואס האט זיך תמיד געפילט א ביי טעם פון עפּעס קלעביקע מחשבה׳לעך.

אבער אמיינסטנס האט סעם נישט ליב געהאט דעם נייעם אויפגעבלאזענעם יחסן, דעם אנקעל טשארל, מיטן פליך אויפן קאפ און זיינע לויפענדיקע קליינע אויגן, וועלכע האבן געמאכט דעם איינדרוק, גלייך זיי וואלטן תמיד זוכן אן ארט, וואו זיך אבצושטעלן. עפּעס א ווידערגעפיל האט געוואקסן אין זיין הארץ צו דעם אנקל טשארלי, פאר זיין מיאוסער טבע, אומגעריכטערהייט זיך ארייניסן מיט זיינע מעשיות; אמיינסטן וועגן זיינע גרויסע אויפטועץ, הן אין שול, הן אין געשעפט. לעצטנס אבער גאר שטארק זיך צערידן וועגן זיין נייעם איינפאַל, אַז ער האָט בדעה צו קויפן אַ הויז אין ארץ־ישראל, אין דעם לאנד פון זבת חלב ודבש, ווי אין פסוק שטייט... דערביי זיך בארימען, אז אייגנטלעך גייט אים דא גאנץ נישקשהדיק, ער האט א שיין הויז אין גאלדערס־גרין, ר׳איז גבאי אין א שול, אלא וואס דען, ער האט מורא פאר גלגול מחילות. א דין שמייכעלע האט אויף זיין קיילעכדיק פנים זיך באוויזן, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז אין דער אמתן איז ער שטארק מסופק דעריין, אבער נאכאלעמען, ווער ווייס? אפשר... דערביי צוגעגעבן, זאגט וואס איר ווילט, דאָס לעבן איז פּאַרט פאר אונז אַ געהיימניס און יעדע זאך וואָס איז פארבארגן שרעקט.



אין קלוב האט סעם פעסט באשלאסן נישט צו גיין. ער קאן שוין דארט אלע, די שווערע איינגעבויגענע מענשן צעווארפן ביי די טישלעך אין שטארק ארייגעטון אינם קארטן שפיל. פוילע אויפגעפרעסענע פון נישט דערשלאפענע נעכט, גלאצן מיט זיירע פארגלאנצטע אויגן אוןווארטן, וואס פאר א קארט עס וועט פאלן. היינט וועט ער אין קלוב נישט גיין. ער וויל נישט זען די קארטן פיגורן, וועלכע ווערן אויסגעמישט מיט די פנימער פון די שפילער מיט זיירע נארישע גרימאסן, קולות, זידלערייען און באשולדיקונגען נאך יעדער „געם".

דער טאג איז געווען א שיינער, א ווארימער, פריש און ניי איז געווען דער הימל, ס׳האט ממש געצויגן אין דרויסן ארויס. סעם האט כסדר געקנייטשט דאס אקארשט באקומענע צעטעלע, וועלכעס האט אים ווי געבריט, פונקט ווי מען וואלט אים מיט עפּעס דורכגעבריענט. טיף אין זיין נשמה האבן אבגעקלונגען די ווערטער פונם בריוול, וועלכע זיינען אזוי איינפאך געזאגט געווארן, למען־השם נישט זיין שפעט צום סדר. א נישט צופרידענער און שטארק אויפגערעגט, פונם פלוצלעכן צופאל, וואָס די גרויסע „רייס" פון דעם לאנג אויסגעבענקטן הונט, „דער שווארצער דיאמאנט", וועלכער לויפט פונקט היינט אויף דער נאכט, האט ער מיט געמאסטענע טריט געשפרייזט איבער קאמערשיעל רויד, אפשטעלנדיק זיך ביים ראג פון גארדנערס קארנער.

דער גרויסער טומל, איילעניש, וואס עס הערשט דא אלע טאג פון א גאנץ יאר, איז היינט אין דעם זוניקן ערב־פסח, ווי פארטאפלט געווארן. אויטאבוסן לויפן, די טראמווייען קלינגען, אַ געאייל פון מענטשן, וואואהין, נאך וואָס? סעם האט פון צייט צו צייט אויפגעהויבן זיין לינקע האנט צום שטערן, זוכנדיק שוץ פון די זונענשטראלן, וועלכע זיינען שפּיזיק געפאלן פון א לויטערן בלויען הימל. ער האט אין דערזעלבער צייט אויך געוואלט דערכאפן דעם שטח, וואָס טיילט אים אפ פונם פלאץ, וואו די „רייסעס" קומען פאר.

דעם גאנצן טאג האט סעם געפילט מאדנע, אומגעדולדיק, נאכאנאנד כאפן א בליק אויפן האנט זייגערל, וועלכעס איז געווען צוגעשנאלט מיט א גאלדן פאסיקל, ווי איינער, וואס וויל מיט געוואלט צוריקהאלטן די צייט. ביי אים אין קאפ האבן געגומען קריכן פארשידענע משונהדיקע געדאנקען... עס טויכט פאר אים אויף יענע סדר נאכט, ווען ער איז דאס ערשטע מאל אריינגעקומען צו די ליכטנפעלדס, בעסי אנגעטון אין אירע שיין געפאסטע קליידער, פון וועלכע עס האבן אזוי מילד און לעבענדיק ארויסגעשפראצט די שטריכן פון איר יונגן קערפער. אזוי יונג און ניי, אזוי פריש און ליכטיק.. און וואס מער ער האט געטראכט וועגן דעם, אלץ שטארקער האט ער דערפילט אז בעסי האט אים, ווי פארכישופט. זי האט אין זיין נשמה געשאפן עפּעס אזוינס, וואס איז ביז איצט פאר אים געווען פרעמד און ווייט. סעם האט נאך שטארקער געקנייטשט דאס צעטעלע, וועלכעס האט אין עפּעס דערמאנט, א זאך, וואס ער האט אין זיין לעבן קיינמאל נישט פארפעלט.

א מינוט צוויי דריי איז ער געשטאנען אומבאוועגלעך, ר׳האט פלוצלונג

דערפילט אז עפעס אומגעלומפערטעס האט זיך גענומען פלעכטן ארום זיין נשמה. ווידער איז ארויף אויף זיין רעיון, „דער שווארצער דיאמאנט", וועלכער לויפט היינט אויף דער נאכט, מיטן אנגעמערקטן פרייז פון הונדערט צו איינס. א קליינקייט אזא פרייז, מען קען באמת כאפן גאר א גרויסע „אפותיקי". זייענדיק פארנומען מיט די דאזיקע מחשבות, אז עמיצער מוז דאך געווינען, פאר וואס זאל ער נישט זיין דער עמיצער. האט ער נאך א לאנגן טראכטן, סוף כל סוף, באשלאסן, נאך אמאל צו פרובירן זיין מזל אויף די „רייסעס".

ווילעריש מיט די הענט אין די קעשענעס, האט סעם זיך געלאזט דורך די הינטער געסלעך פון ווייטשעפל אין דער ריכטונג פון מייל־ענד סטיישאן. טראכטנדיק אז ס'איז נישט דאס ערשטע אוואנטורעלע, וואס ער טוט אפ, נישטקשה זאל ער נאר געווינען, וועט אלעס זיין גוט, און גלאט; צו וואס העלפט דען נישט אַ גרויס געווינסל, ווי שטייט דאָס אין פסוק, „כסף וזהב מטהר מ..." דאס לעצטע ווארט איז אים געבליבן הענגען אויף זיינע ליפן, אזוי ווי איינער, וואס האט פלוצים פאר עפעס זיך דערשראקן. יא זאל ער נאר געווינען. ס'האט זיך אים איצט געדאכט, אז בעסי, איז געווארן אן אנדערע, עפעס מאדנע; סעם, זאגט זי, שוין גענוג די נארישקייטן. שוין צייט צו קלערן וועגן אַ תכלית, דו ווייסט דאָך וועגן וואָס עס האנדלט זיך! דערביי אויפהייבן אירע טיפע שווארצע סאמעטענע אויגן, וועלכע פלעגן אין דער רגע אויסדרוקן אי געבעט, אי מורא, ספעציעל ווען זי פלעגט אים דערמאָנען וועגן וואָס עס האנדלט זיך! א סך מאל האט ער אפגעלאזן זיין עקשנות און זיך מודה געווען אז ס'איז א נארישקייט... און איר צוגעזאגט כמעט ווי געשווירן, אז ער וועט מיט די רייסעס נישט האבן מער צו טאן.

אַ פארביטערטער מיט אַ צעוויטאַגט הארץ, געיאָגט פון אַ גאנצע כוואליע פון פארשידענע מחשבות, אז ער באגייט א מאוסן פעלער, איז סעם מיט א באשווערטן געמיט אוועק צו די „רייסעס". ער האט ביי זיך געטראכט, א קליינקייט „דער שווארצער דיאמאנט", און הונדערט צו איינס. ער האט זיך געחידושט, וואס תמיד טרעפן זיך אט אזעלכע צופאלן. אבער זאל ער נאר געווינען וועט אלעס גוט זיין.

געשען איז אבער גראד דאס פארקערטע דערפון, וואס ער האט דערווארט! אנטוישט פון די נישט געלונגענע רעזולטאטן, אויף וועלכע ער האט מיט א באזונדערע זיכערקייט אזוי פיל געשטעלט, האט ער ווי א באליידיקטער נישט אויפגעהערט צו מורמלען אזא נישט געלונגענע נאכט... אויף אזא צרה האט ער זיך נישט גערעכנט, ווי אזוי איז דאס געשען, ער קען עס גאר נישט פארשטיין. סעם האט דערפילט אז עפעס וואס האט גענומען ווערגן אין האלדז, א פארלאנג האט אין אים דערוואכט, צוליב וועלכן מען פארגעסט אלעס אויף דער וועלט... א פארלאנג צו זעען בעסי, ער וואלט זי איצט אזוי צערטלעך ארום גענומען און לאנג געקוקט אין אירע טיפע שווארצע אויגן און בעטן ביי איר מחילה. ער האט פלוצים זיך געכאפט אז ער האלט אין זיין האנט



דאס ברייוול פון בעסי. די ווערטער, וועלכע זיינען אינם ברייוול געווען געשריבן, האבן אין דער העלער לבנה נאכט אים אויסגעוויזן, ווי א שטרייענגער אנזאג; סעם, שוין צייט צו קלערן וועגן א תכלית!... ערגיץ טיף אין זיין נשמה האט עפעס בייז גערייצט אין אים, נו, וואס וועט בעסי איצט זאגן.

איינזאם און פול מיט ביטערקייט איז סעם אין די שפעטע שעהן, ווי א שיכור, וואס האט אלץ פארטרונקען, אהיים געגאנגען. דער גרויסער שטאט זייגער, „ביג־בען" האט אויסגעקלאפט פונקט צוויי און מאדנע אפגעהילכט, אין דער מיסטישער שטילער נאכט... ס'האָט זיך אים געדאכט, אז דער קלאנג, וואס האט א פאר מינוט געברומט אין זיינע אוירן, איז א שלעכטער אנזאג, אז דאס רעדל דרייט זיך איבער. די לבנה האט מיט איר בלאסן שיין באגאסן די ליידיקע טראטוארן פון דער גרויסער שטאט, וועלכע איז דורך עפעס א כישוף מיטאמאל איינגעשלאפן.

צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן? האָט ער ביטער זיך געפרעגט.

זיין פנים האט אויפגעפלאמט פון עפעס א נייעם געפיל, עס טויכט ווידער אויף אין זיין געדאנק יענע נאכט, יענע ערשטע סדר נאכט, וועלכע שרייט, פלוצלונג אים פאר די אויגן, גאר נישט קיין געענדערטע, פונקט אזא בלאסע לבנה געווען. בעת ער האט שפאצירט מיט בעסי, ער געדענקט שוין נישט, ווי אזוי ס'איז געשען, האט ער פלוצים דערפילט איר שלאנקן קערפער געשלאסן אין זיינע ארעמס, ווי גליקלעך איז ער דאמאלס געווען, די גאנצע וועלט וואלט ער ארומגענומען. דער פארשכורטער ריח פון איר יונגער ברוסט, האט אים ווי געפלעפט, און א הייסער קוש, האט אבגעקלונגען אין דער לופט, וואָס איז פונקט אזוי, ווי ער געווען דורכגענומען פון לוסט און ברענענדיקער תאוה... איצט דאכט זיך אים אז ס'איז נישט מער די פריילעכע נייגנצן יאריקע בעסי ליכטנפעלד, נאר שוין אין גאנצן אנאויסגעוואַקסענע פרוי, וועלכע מוסרט אים פאר זיינע נארישקייטן.

און ווי אן אפגעשמיסן יינגל שטייט ער דא אין מיטן דער נאכט אין פינסטערן ראג.

און ווידער טויכט אויף יענע נאכט, יענע ערשטע סדר נאכט, ווען ער האט זיך מיט איר דאס ערשטע מאל באקאנט, די נאכט שטייט פלוצים אים פאר די אויגן, גאר נישט קיין געענדערטע, די שארפע ריחות פון די סדר מאכלים רייצן אים זיינע נאָז פליגלען מיטן קילען ווינטל, וואָס ווייעט פון שארפן ראג; הער ליכטפעלד ווינקט פון העסבעט אויפצומאכן די טיר צו שפוך חמתך...

און א פלוצלינגער געדאנק לויפט אים, ווי א פריש ווינטל א דורך זיין קאפ; ער וועט פארן קיין „פאלעסטיין". דארטן זיך אנשליסן אין דער העלדישער קעמפנדיקער ארמיי, די „הגנה". גענוג געקעמפט מיט זיך, האָט ער צו זיך געזאגט. אין זיין מחשבה הייבט זיך אן צו געשטאלטן דער נייער וועג, וואס אויף אים הייבט ער אן צו גיין. ער האט ביי זיך געטראכט, אז דער אנקל טשארלי איז פארט גערעכט. בעסער צו האבן א נחלה אין ארץ ישראל, איידער

דער נאך האבן גלגול מחילות... סעם האט זיך געחידושט, וואס ר׳האט וועגן דעם שוין פון לאנג נישט געטראכט. כ׳לעבן ס׳איז א פלאן, ער וועט פארן אצינד צוזאם קיין „פאלעסטיין" מיט אלע „באיעס". אזא גלענצענדער אויסוועג, האט ער געטראכט. יא ר׳וועט זיך קויפן א שטיק ערד, בויען א הויז אין דעם לאנד פון איילבירטן און וויינשטאקן. בעסי וועט קומען, זי מוז קומען, האט זי דען אים נישט געזאגט אז זי איז גרייט אויף אלעמען, אפילו צו גיין מיט אים אין דער גרויסער ווייטער וועלט.

אויפגעמונטערט פונם געדאנק, אז בעסי וועט קומען קיין „פאלעסטיין", האט אין זיין מחשבה עפעס אנגעהויבן דערוואכן. א גליקלעך שמייכעלע האט ברייט אויף זיין פנים זיך געלייגט. יא אין דער שטאט ירושלים וועלן זיי א חופה שטעלן, דאס וועט זיין א טאפלטער בונד.

דער געדאנק... איז אים געקומען, ווי א דערלייזונג, אין דער אזוי שווערער נאכט, פון זיין ניי אפגעטוענע אוואנטורעלע. ער האט צו זיך געזאגט. יא ס׳איז דער איינציקער אויסוועג.

---

ש. ערנסט (תל־אביב)

## א נייער באנד פון דער ענציקלאפעדיע פון די בויער טרוימער און קעמפער אין מדינת ישראל

ארץ ישראל איז נאך אלץ דאס לאנד פון חלומות און ראמאנטיק. קאפיטלעך פון תנ״ך ווערן געשריבן אויך אין אונזער צייט.

ווי אַ מאָל איז אויך איצט ארץ ישראל דאס קלאסישע לאנד פון העלדישקייט, דאַ שאפט דער יידישער הערויזם מעשה׳לאך וואס שפינען זיך אין ווי רויטע פעדים אי דער געשיכטע פון פאלק.

דער דריטער נייער באנד פון תדהר׳ס אייגנארטיקע „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו" זוכט צו פאראייביקן דעם דאזיקן העראאיזם פון אונזער צייט.

דו געפינסט דאָ לייענענדיק די איינוואַנדערונג פון די בילוי״ים. ס׳וויזן זיך דיר פאר די אויגן די ערשטע חסידים, וואס זיינען געקומען אהער אין יאר תקל״ז און דו זעסט אויך די איצטיקע חסידים וואס האבן זיך באזעצט אין בני ברק „כפר חסידים", די „אגודת האלף" פון „עין זיתים" און די נייע התישבות פון נגב. אין יעדער ווינקל ווייזט תדהר אן די יידישע העלדישקייט מיטן מסירת נפש.

א ראמאנטיש ווינקל פון יידישן הערויזם.

דוד תדהר, דער רעדאקטאר פון דער ענציקלאפעדיע, פירט פאר דיר א דורך א ראמאנטישע געשיכטע פון א ייד וואס האט געשאפן א מקדש מעט אין ראמלע וואס איז שוין איצט ברוך־השם א יידישע שטאט.



אין דער ביאגראפיע פון אפרים דיינארד, לויפט פאר אונז א דורך אמוכר־ספרימניק, א רייזענדער וואס האט בשעתו געפירט ויכוחים מיט אחד העם׳ן און בן יהודה, און האט בערייכערט אלע ביבליאטעקן מיט יידישע ספרים.

אט דער דאזיקער ייד האט אפגעקויפט א קלויסטער אין לאטרון און אים פערוואנדלט אין א שפייכלער פאר ספרים און געפלאנצט א גארטן אין ראמלע „גנאפרים". חאסאן בעק האט אים ארעסטירט אין דער פריעריגער וועלט מלחמה, ער האט אבער נאך אוספעיעט מיט זיך מיטצונעמען 20 קאסטענס מיט אלטע זעלטענע ספרים מיט כתב ידן און זיי זיינען איצט אין קעמברידזש.

יידישע שומרים וועגן וועלכע דרוזן דערציילן שענע מעשיות.

ס׳איז דער אויפטו פון דוד תדהר וואס ער ווייסט צו פעראייביקן דעם שטילן הערויזם, אזוי אז זיינע ביאגראפישע דערציילונגען פערכאפן דעם לעזער און זיי לייענען זיך ווי נאוועלן.

אט שילדערט ער פאר דיר אַ שומר, וואס איז צוזאמען מיט אים געשטאַנען אין וואך אַפצוהיטן יידיש האָב און גוטס. אַלס קליין יינגל איז ער אנטלאפן פון די שמאלע געסלעך און ער קומט צו פארמעגלעכע קרובים אין א גרויסער שטאט פונם ווילד־בערגיגן קאווקאז. דארט אינם כשוף לאנד פון הויכע בערג, ברויזענדע טייכן און שטארקע לײדענשאפטן, פערברייגגט ער עטליכע פון זיינע שטורמישע יארן, דערנאך קומט ער קיין ארץ־ישראל און ער ווערט א דאקטאר ביים טערקישן מיליטער. ווערט א רעוויזיאניסט און חלומט אז תל אביב זאל ווערן א קור־ארט. ער הייסט ד״ר אברהם בנימיני, קאווקאזער דאקטאר, וואס די בערג־יידן דערציילן וועגן אים מופתים.

מ׳דארף נאך צוגעבן אז דוד תדהר פלעגט אפט רייטן אויף זיין פערד. ס׳איז געווען „אצילה" און די אראבישע עפענדים פלעגן האבן גרויס דרך־ארץ פאר דער ווייסער „אצילה" פון „חאקים חאוואדזשא ביניאמיני". אז תדהר האט זיך געלאזט אין א גאלאפ מיט זיין „אצילה" איבער די מרחביה׳ער פעלדער פלעגט אפהילכן אין די סודות׳דיגע נעכט זיין הארציג געזאנג.

אינם געמורמל פון פארגאסענעם בלוט ביי די בלוטיקע קאמפן וואס זיינען לעצטנס פארגעקומען אויף די פעלדער און אויף די לאנקעס פון יהודה, האבן א באזונדערן ווערט די ביאגראפיעס פון דוד בן גוריון, יגאל ידין, יעקב דורי, יצחק שדה און אנדערע וויכטיגע מיליטער לייט און פירער פון מדינת ישראל.

דער וואונדערבארער יידישער פאנטאַן.

פראפעסאר היינריך לעווע האט ריכטיג דעפינירט די דאזיקע ענציקלאפעדיע אלס אַ וואונדערבארער יידישער פאנטעאן, וואו דו געפינסט פלאמענדיקע געשטאלטן, אט זעסטו כלערליי גדולים פון אלטן ישוב: רבנים, ווי ר׳ שמואל סאלאנט, הרב קוק, הרב זאנענפעלד, און אַ ריי פירער פון הסתדרות ווי יוסף בּאראץ, שמואל דיין, זלמן רובאשאוו. ביבליאגראפן ווי דוב שטאָק




נ. ה. אימבער מיט אַ ווידמונג צו ישראל זאַנגוויל

**ג. קרעמל, מ. אונגערפעלד, יידישע ארץ־ישראל דערפינדער און פארשער ווי די ברידער פראפעסארן טויבנהויז * א. מ. לונץ, ש. רפאלי און אנד.**

---

* וועגן זיי דערשיינט איצט א נייי בוך אין תל אביב „תלדות בית טובנ־הויז" פון אונזער מיטארבייטער אפרים טויבענהויז.



גויים, גרים און סובאטניקעס, וואָס האבן געהאָלפן בויען דאס יידישע לאַנד.

**באלערנד זיינען די גויים חובבי ציון און די גרים און סובאטניקעס וואס האבן געהאלפן בויען דאס לאנד פון ישראל.**

**סער לאָרענטס אליפאנט איז געווען אַ גוי און האָט געהאַט אַלס סעקרעטאר נפתלי הערץ אימבער, מחבר פון „התקוה" און האט אנגעשריבן א ווערק „ארץ הגלעד" און האט געהאלפן יידן גרינדן קאלאניעס אין שומרון.**

**קוריאקין איז געווען א גוי און האט זיך מגייר געווען, און האט שוין איצט א פערצווייגטע משפחה אין דער קאלאניע סעדזשערא.**

**דער באנד וואס איז איצט דערשינען, איז דער דריטער באנד פון צען בענדער אין אלבאם פארמאט. ער האט אויף זיך גענומען די שווערע אויפגאבע צו רעגיסטרירן אלע בויער און פיאנערן פון נייעם ישוב אין ישראל און זיין ענציקלאפעדיע איז ווירקליך א קוואל פון איבערראשנדע אינפארמאציע.**

---

## שלמה אויערבאך

# י. ח. ברענער אין לאנדאן

(א קאפיטל פון מיין מאנאגראפיע איבער י.ח.ב.)

**נאך פיל פרואוון, מיט סכנת נפשות נישט נאר פאר אים — דעם אנט־לאפענעם סאלדאט און רעוואלוציאנער — אויך פאר זיינע חברים פונם בונד און איסקרא, איז ער סוף כל סוף אריבער די רוסישע גרעניץ *.**

**דאס איז געווען די ערשטע געאגראפישע גרעניץ וואס ער האט גע־בראכן.**

**אבער ער איז שוין אזוי פון גורל באשטימט געווען צו ברעכן גרעניצן שגבלו ראשונים, זיין דער פורץ גדר פון אלעם אלטן, פון אלעם וואס שטייט אויף דעם וועג פאר א פרייעם, נייעם יידישן גייסט; א שלל פון פארשטיי־נערטע קדושות און אלטע אמונות האט ער ארויסגעריסן פון אונדזערע הער־צער, — פון אייניקע פון זיי האבן מיר מיט גרויסע יסורים זיך געשיידט, — אבער מיר האבן די אלע יסורים מקבל געווען באהבה, — ווייל מיר אלע, זיינע געטרייע לייענער און תלמידים האבן געוואוסט אז זיין אייגן הארץ האט**

---

* **דאס שווערסטע איז געווען וואס בר. מיט זיין ווארט־ווערטלעכן אויס־פילן פונם מאי דסני עלך לחברך לא תעביד וואס דיר נישט אנגענעם טו דאס נישט דעם צווייטן — אויך איינעם רוסישן זשאנדארמען נישט, — האט ער מודיע געווען די חברים אז ווען ביים אפשלאגן פון זיינע שומרים וועט פון זיי איינער געניזקט ווערן — גייט ער צוריק אין טורמע און נעמט איבער די שווערסטע שטראף... דער דאזיקער תנאי האט דעם ענין נאך שווערער גע־מאכט.**



יוסף חיים ברענער

דערביי נאך מער געבלוטיקט, — ווייל אלץ וואס ער האט געשריבן האט ער פריער דורכגעווייטיקט, יעדעס ווארט איז געווען דורכגעדרינגען מיט בלוט פון זיין פיל געפלאגט הארץ, מיט זיין פייערדיקער אהבה און אומענדליכן רחמנות צו אלע געיאגטע און אונטערדריקטע — און מיט א גיהנומדיקער שנאה צו די אונטערדריקער, צו די בעלי־בתים פון דער היינטיקער וועלט — פונם עולם השקר.

נאך פיל מאטערנישן קומט ער אן קעגן פסח צייט פון 1904 קיין לאנדאן — ס'איז געווען דעמאלט אין רוסלאנד די ברענענדיקע צייט פון פאר דער ערשטער רעוואלוציע; די רוסיש־יאפאנישע מלחמה האט גראד אנגעהויבן, — פיל סאלדאטישע בונטן, גרויסע האפנונגען אויף א באלדיקער דערליי־זונג פון דער צאריסטישער טיראניי; ביי די יידן איז געווען גראד דער ערש־טער יארצייט נאך די קרבנות פון קישינעווער פאגראם. און א מורא פאר נייע צאריסטישע פאגראמען, פיבערישעס ארגאניזירן פונם „זעלבסטשוץ" ביי אלע רעוואלוציאנערע פארטייען, א.א.וו. — גראד אין דער צייט — מוז ער



— זיין ווייט פון אלעם, אינם יידישן לאנדאן, צווישן עמיגראנטן — פליטים רעוואלוציאנערישע, און אנטלאפענע יידישע סאלדאטן. — וואס זענען בא־רויבט געווארן פון פארשידענע אגענטן, און קאנען נישט פארטזעצן זייער נסיעה, קיין אמעריקע. זיי וואלגערן זיך ארום אין די היגע הכנסת אורחים'ס — שעלטערס אדער בלאנקען ארום האפנונגסלאז אין די גאסן. אין זיינעם א בריוו אינם „הזמן" לייענען מיר: „ווען נאך אלע אויספרעגענישן און דורכ־זוכונגען קומסט דו אריין אין שעלטער — און זעסט די גבאים מיט די רויטע הענט און קליינינקע יארמעלקעלעך — פאר א הייפני קאנסטו האבן א טעלער סופ מיט ברויט, אויך אומזיסט. — אבער נישט בגילוי ראש... און די פליטים זיצן מיט די קאפלעך אויף די קעפ און שעפן הנאה פונם בלעכענעם טעלער (אין העברעאיש איז דאס א שענע פאראפראזע פון דער באקאנטער מימרא איבער דעם גן עדן: „פליטים יושבים — צניפיהם בראשם ונהנים מתוך הפינכא".) — דורכן פענצטער לייענסטו די מודעות אויף ווייטשעפעלער יידיש: „זיי זייען יור אוון סוינע און נישט האריי־אפ צו בוקן סיטס פאר די פליי אין שארדיטש האלל" — אדער: „ווארום יוזט מען נישט די בוטס פון הולסייל"... — און אינדערהיים קערן זיך וועלטן — הרת עולם.

נאר פליטים, אויך תושבים, וואס זייערע קינדער, בעקים און ושעקס, רעדן א יידיש ווארט מיטן ענגלישן דקדוק, זענען אויך עמיגראנטן נאר פון עטליכע יאר פריער. — ס'איז נישטא קיין יידישער שטייגער. דאס מיטגעבראכטע פון אונזערע שטעטלעך איז אפגעבליאקעוועט ווי די אלטע בגדים. — ס'הייבט זיך אן בייגקן נאך דעם אלטן „עמק העכור" (אזוי הייסט זיין ערשט נאוועלן בוך) נאך דעם טריבן טאל פון דעם רוסיש־יידישן דלות; דארטן איז דאך געווען אלעס פארפוילט פון דורי־דורות — מיטן אלטן טראדיציאנעלן שטויב, — אלעס איז געווען אויפן פלאץ, אין זיין מעמד — דער נגיד, דער מלמד, דער שמש, דער „שיינער ייד" און דער בעל מלאכה, — למראית עין איז דארט אלעס געשטאנען איינגעגרונטעוועט, אויך דער יידישער אומעט, דער צער איז געווען פון אייביק, פעסט, — דא איז עפעס אלצדינג — אויף דערווייל ביז מ'וועט קריגן א בריוו פון אמעריקע, א שיפסקארטע... און דערווייל גייט מען ארום אין די גאסן און געסלעך פארשמאכט, פרעמד אויך צווישן די יידן, א גלות בתוך גלות; די אנטלאפענע רעוואלוציאנערן זיצן ארום אין דער „פרייער ביבליאטעק" אויף דער טשורטש ליין, און לייענען — אדער געניצן איבער די אלע צייטונגען און פרייע ביכער וואס האבן אבער דא קיין טעם נישט... וואס פאר א טעם קאן שוין האבן א פראקלאמאציע, וואס ערשט נישט לאנג האט זי געשמעקט מיט קידוש השם. נאר פאר לייענען זי קאנסטו פאר־שיקט ווערן אונטער די הרי חושך, און מיט וואס פאר עונג־רוחני האסטו ארויס געלייענט דעם אייביקן אמת, די בשורה פון א נאנטער דערלייזונג... און דא קאנסטו די שארפסטע פראקלאמאציע לייענען פאר אט דעם גרויסן פאליסמען, וועלכער זעט דיך גאר נישט, אדער ווארפט אויפן „ראשיען בעגאר" אביטול־דיקן בליק... — די רעוואלוציאנערן פירן נאך זייערע דיסקוסיעס אויף די

טרעפ פון דער לייבערערי אידער זי עפנט זיך — אבער וואס פאר א טעם האט עס נאך א שלאפלאזער נאכט איבער די גאסן, און פאר נאך אזא היימלאזער נאכט?

דאס אלץ האט ברענער איבערגעגעבן אין זיינע לאנדאנער דערציילונגען, „קיסמים ושיורים“ („שפענדעלך און רעשטלעך“), „אל המטרה“ (צום ציעל) און בפרט אין איינער פון זיינע בעסטע שארט סטאריס „מן המצר“ (אין באדרענגעניש) און אין זיין דראמע „מעבר לגבולין“ (איבער אלע גרעניצן). דאס אלץ האט ער איבערגעגעבן אין זיין צאפלדיקן סטיל, וואס איז אן מליצות און יעדוועדער באפוצונג — אבער אין א דייטלעכן מקורותדיקן העברעאיש. אלץ וואס ער און זיינע פליטים האבן געזען און געפילט אין דער דאזיקער אומענדליכער שטאט, רבת הכובד והכבודה, — פול מיט שווערקייט און בכבודדיקייט, מיט אירע צוויי „ליינס“ די פארק־ליין — דער מקום מנוחה פון די רייכע און זאטע און די בלאטיקע פארשטויבטע „בריק־ליין“ — הגם זיי זענען אזוי ווייט אפגעטיילט איינע פון דער צווייטער. אבער דער גרויסער זעער און סאציאליסט יוסף חיים ברענער ווייסט אז „הא בהא תליא“: אז די איינע ליין איז אזוי שיין און זאט נאר דערפאר וואס די אנדערע איז הונגעריק און פאריאמערט. — דאס האט ער נאך אונטערגעשטראכן אין זיינע ערשטע סקיצן. דעמאלט האט ער שוין געפונען דעם צוזאמענהאנג, נאך דעם קוהלת־דיקן פסוק והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון — די זאטקייט לאזט דעם רייכן נישט שלאפן צווישן דער זאטקייט וואס לאזט נישט שלאפן און דעם הונגער וואס לאזט אויך נישט שלאפן.

און כאטש די אלע מאטערנישן וואס ער האט איבערגעלעבט דא און די גאנץ ווייניק צייט פאר ליטעראריש טעטיקייט וואס ער האט געהאט נאך א לאנגן טאג ארבעט צו ערשט אין דער „נייער צייט“ (פאר 10 שילינג א וואך, שפעטער אלס „הבחור הזעצער“ ביי נאראדיצקין, זענען די קנאפע 3־4 יאר אין לאנדאן זיינע פרוכטבארסטע יארן. — פון דאנען אויס האט ער אויסער זיינע פילע קריטישע און פובליציסטישע ארטיקלען אין כמעט אלע העברעאישע צייטשריפטן פון דעמאלט אין דער גארער וועלט, — האט ער פאר דעם „השילוח“ אנגעשריבן זיינע צוויי גרויסע שעדעווערן: „דעם ראמאן „מסביב לנקודה“ (ארום דעם פינטעלע — א המשך מיט געענדערטע נעמען פון זיין ערשטן ראמאן „בחורף“ — אין ווינטער), — ביאליק וואס איז געווען דעמאלט דער בעלעטריסטישער רעדאקטאר פון השילוח — שרייבט אים: „פיל רשלנות, פילע פעלער אבער ווי אזוי קאן מען זיך רעכענען מיט אזוינע קלייניקייטן מיט א מענטש הרוצה לספר הכל בנשימה אחת“ — וואס וויל אין איינעם אטעם אלעס דערציילן... און דעם בארימטן „שנה אחת“ — איין יאר — פון זיינער סאלדאטשינע.

א ספר וואס איז באלד פון פילע קריטיקער פארגליכן געווארן מיט זאפיסקי איז מיורטוואהא דאמא — פארצייכנונגען פונם טויטן הויז פון דאסטאייעווסקי — איבער זיין קאטארגא. — די דערציילונג איז איבערגעזעצט



געווארן אין מערערע לשונות, אויך יידיש. — די רוסישע סאלדאטשינע קענען נאר יידן באשרייבן; פון די רוסן האט דאך ווער ס'האט בעקאנט שרייבן איז שוין קיין געוויינטליכער ייוון נישט געווען, דערפאר איז כמעט נישטא אין דער רוסישער ליטעראטור קיין אויטענטישע באשרייבונג פון דער רוסישער קאזארמע, א חוץ אביסל ביי קופרין, און טשעכאוס „גוסיעוו“ (אבער דארט איז נישט די קאזארמע — נאר דער טויט פון א רוסישן סאלדאט אויף א שיף) נאר די יידן וואס זענען אין דער בחינה פון אני הגבר ראה עני — אליין געזען און דורכגעליטן דעם גאנצן צער, דעם דאפלטן עול: א ייד און סאלדאט ביים צאר — דער צויבער פון עכטן רעאליסמוס, ד.ה. דער אמת פון לעבן, אז מען קאן אים לייענען וויפיל מען וויל — ער איז שטענדיק ניי, בפרט ווער ס'האט דאס איבערגעלעבט — פילט עס ווידער בחוש, מיט אלע ריחות, מיט אלע ווילדע קולות, מיט דער גאנצער דערשטיקעניש אין די גרויסע הויכע ברייטע קאזארמעס.

ארבעטענדיק ביי נאראדיצקי — דעמאלט ווען דאס העברייאישע ווארט איז פארשטומט געווארן — האט י.ח. ברענער מיט זיינע אייגענע כוחות כמעט, גייסטיקע און מאטעריעלע ארויסגעגעבן דעם „המעורר“ — דער וועקער. — ער האט תחילת נישט געהאט קיין אבאנענטן — האט ער אים צושיקט איבער אלע שטעטלעך פון דעם רוסישן תחום המושב — אדרעסירט צום רב, צום שמש, צום מלמד... ווייל ער האט געוואלט דערוועקן, אויפמונטערן דעם בן הצער — דעם זון פון צער, ער זאל זוכן אויף אלע וועלט־וועגן וואו איז דער ריכטיגער וועג... שאל לנתיבות עולם, שאל, אי הדרך, אי?!

ווער ס'האט זוכה געווען צו זיין געדרוקט אין אחד העמס השילוח — איז געווען א פארטיקער שרייבער, דאס איז געווען אן עקזאמינישאן פאר דעם העברייאישן שרייבער. — ווער ס'איז אבער אין ברענער'ס „המעורר“ — נאר איינמאל דערשינען — איז א צייגניש פאר עטישע ריינקייט און העכערן מענטשלעכן מוסר. — אויך איצט, נאך פיר צענדליקער יארן, ווען איינער פון די „המעורר“ מיטארבעטער פירט זיך אויף נישט ווי ס'בעדארף צו זיין אין ברענער'ס דרך — דערמאנט מען אים זיינע חובות אלס אן „המעורר“ניק.

אין המעורר האט ברענער אבגעדרוקט זיינע טורמע דערציילונגען „מא' ועד מ'“ — און די שוין דערמאנטע לאנדאנער דראמע „מעבר לגבולין“. אויף דעם אלטן טעמע: רשע וטוב לו צדיק ורע לו — דעם רשע גייט גוט — דעם צדיק שלעכט. — צו די איסבויטער אויסער דעם בעיוזענעם שד״ר, זאמלער געלד פאר א גרויסער ליטווישער ישיבה, וואס האט מיטן געלד געקויפט א דרוקעריי און איז געווארן א גבאי אין מחזיקי הדת, און דינגט שקצים אויף שלאגן יידישע מחלל־יום־כיפורניקעס און זיין זינדל, שוין ושעק, פארפירט זיין געוועזענעם ראש־ישיבהס טאכטער און ברענגט זי אויף דער גאס... איז נאך דא אין עמיגראנטישן לאנדאן א נייער אויסנוצער און אויסבויטער „לשם שמים“ — דער רוסישער דייטש בירפעלד (בשעתו האבן זיך די בונדיסטן געפילט באליידיקט איבער דעם גויעשן רעדאקטאר פון אן יידישער סאציאליס־

טישער צייטונג — אין דער דאָזיקער דראַמע — זיי האָבן געזען אין אים אַ קאַריקאַטור פון זייער מעדעם!) בר' האָט אויך שוין אַזאַ טיפּ באַשריבן פון אנאנדער גוי אין דער עמיגראַציע, וואס נוצט אויס די יידישע רעוואלוציאנערן אין זייער שטענדיקן זוכן פון א רעוואלוציאנערן „שבת־גוי"... אין זיינע „קיס־מים ושיורים".

אינטערעסאנט זענען די פילע טיפּן פון פליטים, אין מעבר לגבולין. בפרט דער העברייאישע שרייבער יוחנן, און דער מגושמדיקער אַרבעטער אליהו. די דאָזיקע נעמען זענען סימבאָליש: איך מיין אַז ברענער האָט מרמז געווען אויף די צוויי מבשרים: יוחנן המטביל און אליהו הנביא — די אַנזאָגער פונם גוישן און פונם יידישן משיח.

דערהויבן שיין אין זייער לעצטער דיאלאָג: אויב די גרויסע אידעאַלן, די גרויסע מחשבות שטאַרבן אָפּ ווען זייער אנזאגער הויכט אויס זיין נשמה אויף דער תליה (ס'איז געווען די צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָ־לוציע). — דער מגושמדיקער ארבעטער אליהו חזקוני שליסט אָפּ דעם דיאלאג און די גאַנצע דראַמע, מיט זיין האָפנונגספולן אויסרוף אין דער פּאַגע נאָכט: „אהיה אשר אהיה".

---

## א. נ. שטענצל

# אויפן הר נבו

צום ערשטן יום־טוב ה. אייר

פערציק טעג שוין און פערציק נעכט שוין,
זיי וואַרטן אלץ אויף אים און שטייען גרייט;
ס'איז די מחנה אונטערן נבו בארג,
א שאַרפע שווערד צוקנדיק אין א שייד.

ווי דעמלט דאס גאלד אין אהרנ'ס האנט,
אין פלאם צו וואַרפן א גאט זאל ארויס,
אין דאס פאלק אין יהושע'ס איצט — —
אין שלאכט ר'זאל זיי וואַרפן, וואַרטן זיי בלויז.

אין דער ערשטער ריי יעדער א לייב,
אין דער לעצטער — א לויערנדיקע שלאנג!
און עס קלינגט, גאַר אנדערש ווי דעמלט,
ביז צו אים ארויף זייער פרייד געזאנג.



פערציק טעג, פערציק נעכט איז גענוג
לוחות אויסצוהאַקן פון האַרטסטן שטיין,
פערציק יאר אבער פאר א געזאנג,
ווען א פאלק אין אייגענעם לאנד נעמט גיין.

אקסל ביי אקסל, געהויבענע קעפּ —
פנים אל פנים זיי שטייען מיט גאט!
ס'ציטערט די ערד, א וואַרטנדיקע,
דערהערן שוין דעם הילך פון זייער טראט.

און ער אויבן אויפן פעלזיקן בארג,
מיט קאָפּ צוגעפאַלן צום קאלטן שטיין,
עס קלאַפּט אין זיינע הייסע שלייפן,
אותיות עס האקט ווער אין זיי אריין.

שוואַך זיינען זיינע הענט, געבראָכן,
קיין מאכט מער אין זיי פאר האמער און דלאָט,
שאַרפן זיינע לעפצן איצט ווערטער,
נישט צום פאלק אראָפּ, נאר ארויף צו גאט —

געפאלן פון האנט אים זיין שטעקן,
ווען ער שפּאלטן דעם הימל מיט זיין פויסט!
די שלאנג אליין ווען ער ווערן איצט —
לעצטער פון מחנה הינטן וואס אויפברויזט:

„ווער ווען פאלן אויף קני אין געבעט,
ווען איך וועל נישט מער זיין צווישן זיי?
גאט, נישט איך האב לעבן געוואלט —
באַשיצן זיי פון דיין גרימיקן געשריי.

„צווישן דיר, דעם נוקם ונוטר,
און אַן עם קשה עורף צו שטיין,
אַזא לעבן א סך בעסער ס'איז,
אַ פעלז צווישן וויסטע ווינטן צו זיין.

„גאט, אויב ס'גייט דיר בלויז אין מיין לעבן,
ווי דער מינדסטער פון זיי איך שטיי איצט גרייט,
צי עס דאַרף אַרויס פון מיין געביין —
אַ בלאַנק צוקנדיקע שווערד פון א שייד — —

„נאר געצוקט וועט זי בלייבן צו דיר!
ווארים נישט שטארבן — פאלן וועל איך איצט,
און מיט מיין טויט מיין פאלק באשיצן,
ווי איך האב עס מיט מיין לעבן באשיצט.

„גאט, זיי זיכער, דיין ווארט בלייבט אייביק,
אריינקומען אין לאנד איך בין נישט ווערט,
אבער אן עדות כ׳בלייב דא ליגן,
קיינמאל מיין פאלק טאר נישט ווערן צעשטערט!

„ניין, נישט ווייל כ׳האב נישט געוואלט שטארבן —
כ׳האב דיין פנים נישט אנקוקן געקענט!
אז תמיד רק געראנגלט מיט דיר,
מיין פאלק צו ראטעווען פון דיינע הענט.

גאט, אויב עס אומצוברענגען דארטן,
ברענגסט דו מיין פאלק אין לאנד אריין אן מיר?
א שלאנג ארום דיר מיך צו וויקלען,
פאל איך צום לעצטן מאל אצינד פאר דיר — — —

„א, אז „לולי כעס אויב אגור"
ביזט דו דאך פון מיין פאלק דער גרעסטער פיינט!
פנים אל פנים דיך צו זען באלד — —
די גרעסטע פרייד פון מיין לעבן ס׳איז היינט —

„זעקס הונדערט טויזנט שטייען גרייטע,
פאלן פארן לאנד קושנדיק די ערד,
און איך — פארן מינדסטן פון יעדן,
גאט, ווען נישט איך — זיי זיינען עס דאך ווערט —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —"

ס׳האט גאנצע וועלט ארומגענומען
א גרויסע ליבשאפט פון אייביקן גליק,
דער שמייכל, וואס האט זיך באוויזן
אויף גאטס פנים, אין יענעם אויגן בליק.

אין אן ערשטן קוש, אין א לעצטן,
הערצער באהאפטענע שטיל בלייבן שטיין —
געשטאמל פון אומענדלעכער פרייד,
איינער אינם אנדערן אויפצוגיין;



דו קאנסט זיך ראטעווען אינם טויט,
אבער איך, מיט מיין אין־סופיקן זיין?
אין גרעסטן שונא כ׳מוז זיין פארשטעלט,
אז קאנען בלייבן זאל די וועלט באשטיין.

ווי דו פאר דיין פאלק און פאר דיין לאנד,
ציטער איך איבער מענטש און איבער וועלט — —
א, די בענקשאפט צו קענען אמאל
קוקן א מענטש אין פנים, נישט פארשטעלט —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און מיט יעדן באגין אויף בארג נבו,
ווען א בלאנקע שווערד דער פעלדז דארט צעבליצט,
פאלט גאטס בליק א פארשעמטער אויף אים:
„נישט בלויז דיין פאלק, משה — מיך האסטו באשיצט — — —"

## די יארצייט ליכטלעך צינדט גאט אליין

(לזכרון פון די 6 מיליאן קדושים — צום זעקסטן יאר פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד)

צומאל די ליכטלעך אנצוצינדן בלויז,
וועלן מיד ווערן מענטשלעכע הענט — —
קאן מען ציילן די שטערן אין הימל,
אזוי די יארצייטליכטלעך אן ענד.
און וואסער אנדענק קאן מענטש שוין מאכן,
נאך לעבעדיקע אויף קויל פארברענט.

א פלאם מיילן־ווייט ארומצורינגלען,
און פלאקערן עס זאל טאג און נאכט,
און נישט אן אנדענק־פייער זאל עס זיין
נאך די וואס געווארן אומגעבראכט —
א בראנד־פייער דאס פאלק צו משפטן,
וואס האט די שייטער־אויוונס געמאכט.

אז אין וועלכן טאג איז עס נישט געווען?
אז פארטיליקט טאג איין און טאג אויס,
און קוים איין יתום־קינד ס׳איז געבליבן
פון א שטעטל, פון אן איינציק הויז.
ס׳איז יארצייט יעדע שעה, יעדע רגע — —
צומאל ליכטלעך אנצוצינדן בלויז — — —

יעדע נאכט אין דער בין־השמשות־שעה,
די יארצייט־ליכטלעך צינדט גאט אליין,
און נאָך חצות, ווען גאַר גרויס ס׳ווערט זיין צער,
לעשט זיי אויס זיין געוואַלטיק געוויין;
איז דאָס געווען דער צוזאָג צו מיין פאָלק,
ווי די שטערן פון הימל צו זיין?

אין גרימיקן צאָרן פארביטערטן,
פאַסמעס האָר רייסן זיך פון קאָפּ —
פון קלאמער־פויסטן ווילד פאכנדיקע,
פאַלן שטיקער נאַכט אין תהום אַראָפּ!
נישט פון ערשטן טל פריש געפאַלענעם —
צעגלאָנצט ס׳איז די ערד פון טרער־געטראָפּ.

און ס׳איז די זון, וואָס גייט אויף אין באַגין,
דאָס נשמה־ליכט, וואָס גאָט צינדט אָן,
אַן אייביק היילִיק נר־תמיד לעמפל,
איבער זיין חושך־פארהילטן טראָן,
אַז גאנצע וועלט נישט פארלאָשן ווערט,
אין ווילדן מרה־שחורה שגעון.

## ירושלים

וואלט לייכט געוועזן דיך צו דערגרייכן,
עס וואלט דאך בלויז געווען נאר א צייכן,
אז דער ווערט דיינער איז גארנישט אזוי גרויס;
דאס טייערסטע ווילן אלע באזיצן,
אבער וואס מיט לעבן מ׳טוט באשיצן,
אז טייער ס׳איז איינעם, דער סימן ערשט בלויז.

ווי די בערג ארום דיר, א סך העכער,
עס האבן די קוילער און די שטעכער,
מיט די הרוגים־בערג הויך דיך אויפגעבויט;
אבער אין אונזער הארץ איינגעגראבן,
אייביק דיך צו טראגן און צו האבן,
מיט שטארקערס נאך פונם לעבן און פון טויט.

יא, וואס גראד די געליבטע, קאן ווער זאגן?
אין הארצן נאר דאס אייביקע נאגן,
און מיט טויזנט מעסערס א נאמען זיך קריצט;



און אויב גאטס פיס־בענקל דער ערד־קיילעך,
ביזט דו, כביכול ווי פאר א מלך,
דער גין־גאלד טראן אויף וועלכן גאט זיצט.

נישט דיך צו באזיצן — דיך צו ליבן,
פון גאנצער וועלט זיך צוזאַמגעקליבן,
שיצנדיקע וואך ארום טראן איצט צו זיין;
א, אז דער שטויב, פון וועג אונזער לאנגען,
דעם זוים גאטס מאנטל שוין צו דערלאנגען,
ס׳איז דאס אש פון אונזער פארקוילטן געביין.

יא, גאט אליין וועט זיך אצינד בוקן,
דיין שטויב צו קושן און אויפצוצוקן —
מ׳קושט א קינד שטויבעלעך פון אויגן ארויס —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אויב ס׳וואָלט לייכט געווען דיך צו דערגרייכן,
עס וואלט דאך געווען בלויז א צייכן,
אַז דער ווערט דיינער איז גאָרנישט אַזוי גרויס — — — —

## לעא קעניג

### דורך פארפרעמדונג צו קריסטאליזירונג און סינטעז

ב.*

יאָ, וועט מען זאָגן, אַ ניי און נאָרמאַל יידיש פאָלקס־לעבן, וועט אויפקומען האָפן מיר אַלע אין ישראל, אַ נייע און געזונטע יידישע קולטור אויף די יסודות פון די אַלטע און מיטן כנוס פון אלע אונזערע אַלטע ווערטן, וועט געשאַפן ווערן אין ארץ ישראל — נו איז וואָס איז שלעכט? אדרבא, מיר אין גלות וועלן גערן געניסן פון די נייע, געשאַפענע קולטור ווערטן, מיטן סך הכול אַז דאָס וועט אונז ניט נור ניט פאַרפרעמדן, נור פארקערט גאָר מער פאַראייניקן מיט דער יידישער מלוכה. האָבן מיר דאָך שטענדיק געהאָפט און געגלויבט אַז „מציון תצא תורה“... אפשר וועט טאקע מיטן פארווירקלעכטן, רעאליזירטן פאליטישן ציוניזם אויך פארווירקלעכט ווערן אחד העם׳ס גייסטיקער ציוניזם, דער אחד העם׳איזם, וועלכער האָט געפריידיקט אַז אין ארץ ישראל דאַרף בעשאַפן ווערן דער גייסטיקער צענטר, דער מרכז רוחני, וועלכער וועט פאַרזאָרגן אַלע תפוצות ישראל מיט יידישע ווערטן; יידישע קולטור און אמת׳ער שעפערישער יידישקייט, וואָס זאָל אונז האַלטן פאַראייניקט איבער דער גאַרער וועלט. אַזוי קען מען זאָגן; און ס׳קאָן זיין אַז אַזוי טראַכטן איצט אויך די פאַליטישע

* זע דעם אנפאנג אינם פריערדיקן נומער.

ציוניסטן, אחד העם׳ס אַמאָליקע קעגנער, וועלכע פלעגן טענה׳ן אַז נור אין אַ יידישער מדינה קען געשאַפן ווערן יידישע קולטור, אַז אוניווערזיטעטן צי ישיבות אָן אַ פאַרצווייגטן געזעלשאַפטליך־מלוכה׳שן פאָלקס לעבן אין אַן אייגן לאַנד, קענען נור שאַפן אַ מין אַבסטראַקטע קולטור אָן וואָרצלן און לעבן... אַזוי ווי אין גלות...

זיכער טראַכטן איצט אַזוי, סיי ציוניסטן און סיי סתם יידישע נאַציאָנאַליסטן, אָבער אין בעסטן פאַל איז עס נור אַ פרומער ווונש. אָבער אין רעאַלן לעבן, סיי געשיכטלעך און סיי קעגנוואַרטיק, קען עס באַווייזן ווערן, ווערט קולטור ערגעץ ניט געשאַפן פאַר עקספּאָרט (מיר רעדן אַצינד ניט פון פּראָפּאַגאַנדע...) גרויסע קולטור צענטרן און גרויסע ביכער און שאַפונגען איבן אויס זייער איינפלוס אויף אַלע פעלקער און לענדער, אָבער די איינפלוסן ווערן איבעראַל פאַרדייעט לויט די אייגנאַרטיקע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די לענדער און קבוצים ווו די איינפלוסן דרינגען אַריין און ווערן אַזוי אַרום זעלבסטשטענדיקע און באַזונדערע נאַציאָנאַלע ווערטן...

יידישע יחידים, וועלכע וועלן בלייבן חוץ לארץ, וועלען מעגלעך, קענען לעבן מיטן לעבן און מיט די נייע קולטור ווערטן וואָס וועלן געשאַפן ווערן אין דער נייער יידישער מלוכה פונקט ווי עס זענען פאַראַן ענגלענדער, פראַנצויזן און אַנדערע וואָס לעבן אין אַמעריקע, צי ווו זיי זאָלן ניט זיין, מיט דעם סאָציאַלן לעבן פון זייערע לענדער; אָבער מיר רעדן דאָך ניט פון יחידים נור פון די גרויסע יידישע מאַסן, וואָס וועלן מוזן, ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק, בלייבן אין די לענדער ווו זיי לעבן אַצינד...

קענען מיר זיך פאָרשטעלן אַז די גרויסע יידישע מאַסן אין אַמעריקע, רוסלאַנד צי ווו אַנדערש וועלן מיט זייערע קינדער וואַרטן אויף די גייסטיקע ווערטן, אויף די תורות וואָס וועלן דאָרט אין ישראל געשאַפן ווערן, איגנאָרירנדיק אָדער איזאָלירנדיק זיך פון די סאָציאַלע און קולטור פּראָבלעמען, וואָס ווערן אַרום זיי געשאַפן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן... מיר נאַציאָנאַלע וועלטלעכע יידן זענען איצט ביטער אַנטוישט וואָס אונזערע קינדער קענען שוין ניט אונזער פאָלקס שפּראַך און האָבן קוים געהערט פון אונזערע קלאַסיקער, נו זיינען מיר איצט אַזוי נאַאיוו צו גלויבן אַז די יוגנט אונזערע, וואָס ווייסט ניט פון ביאַליקן און טשערניכאָווסקין וועט זיך דווקא יאָ אינטערעסירן מיט די נייע העברעאישע פּאָעטן, וואָס וועלן קומען נאָך זיי און נור דערפאַר ווייל זיי וועלן אויפקומען אין ישראל און שרייבן אין אַ נייעם העברעאיש וואָס וועט אַפילו אונז זייערע עלטערן זיין אפשר פרעמדלעך?

אונז טוט וויי פאַר וואָס אונזערע קינדער קענען בעסער דיקענסן ווי שלום עליכמן, עליאָט — בעסער, נאָמיר זאָגן, ווי טשערניכאָווסקין מיט רייזענען צוזאַמען, טאָ ווי אַזוי קענען מיר זיך פאָרשטעלן אַז אונזערע קינדער וועלן בעסער קענען די ווערק פון די נייע מענדעלע און שלום עליכם וואָס וועלן אויפקומען אין ישראל און שילדערן אַ נייעם יידישן שטייגער לעבן פון וועלכן אַפילו זייערע עלטערן וועלן קיין אַנונג ניט האָבן... אויב דער נייער שטייגער,



וואָס וועט דאָרט אויפקומען, וועט אונז ניט אויסזען אינגאַנצן פרעמד, „ניט־יידיש" אָדער ווי מען רופט עס היינט „סאַברעדיק"...

מיר וועלן זיך ניט אַריינלאָזן אין דער היפּאָטעטיש־אַקאַדעמישער פראַגע צי קליינע מלוכות, וועלכע זענען באַשעפטיקט מיט עלעמענטאַרע לעבנס נויטיקע פראַגן פון זעלבסט שוץ און באַפעסטיקונג, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, קענען שאַפן גלייך די גרויסע, אוניווערסאַלע קולטור ווערטן... און אויב יאָ, אויב מיר זאָלן שוין יאָ אוטאָפיש האָפן אַז פון ציון וועט קומען אַ נייע גרויסע תורה, אַ נייע אוניווערסאַלע ליכט, טאָ מוזן מיר זיך פרעגן: פאַר וואָס זאָל די נייע תורה פון ישראל נור באַאיינפלוסן די יידן אין דער דיאַספּאָראַ און ניט די גאַנצע וועלט און אַלע פעלקער? אוניווערסאַלע ווערטן זיינען דאָך ניט פאַר איין פאָלק און לאַנד... די נייע ספינאָזאס, איינשטיינס און פרוידס, וואָס וועלן אויפשטייגן אין ישראל וועלן דאָך ניט זיין ספּעציעל פאַר די יידישע מאַסן וואָס וועלן מוזן בלייבן אין גלות.

---

מיר האָבן ביז איצט גערעדט נור וועגן די ריין נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַציאונגען צווישן ישראל און דער דיאַספּאָראַ און זייערע אויסזיכטן און פּערספּעקטיוון — און וואָס מכוח די שטאַטלעך, מלוכה׳יש־פּאָליטישע באַציאונגען צווישן דעם יידישן פאָלק אין ארץ ישראל און די גרויסע יידישע בירגער־מאַסן אין די פאַרשידענע לענדער פון דער דיאַספּאָראַ? און דער לעצטער אַספּעקט איז, דאַכט זיך מיר, נאָך ווייכטיקער, ווייל רעאַליסטישער און ווייניקער פּראָבלעמאַטיש אַקאַדעמיש: די יידישע מלוכה ישראל איז נאָך גאָר יונג, זי שטעלט זיך ערשט אויף די פיס, אַזוי צו זאָגן, און זי נויטיקט זיך נאָך זייער שטאַרק אין דער הילף — מאַטעריעלער, פּאָליטישער און גייסטיקער — פון דעם גלות יידנטום. פונקט ווי דאָס גלות יידנטום נויטיקט זיך נאָך אין דער פאַרזיכערונג פון דער יידישער מלוכה צוליב דער נאָרמאַליזירונג פון דעם יידישן בירגערטום אין דער דיאַספּאָראַ...

די יידישע מלוכה נויטיקט זיך נאָך אינם גלות, און דער גלות אין דער יידישער מלוכה אפשר נאָך מער... אָבער דער שאַרפער שייד־וועג צווישן זיי זעט זיך שוין אויפן האָריזאָנט... צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות — פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע — ווילן מיר איצט ניט רעדן צופיל וועגן דער פראַגע פון „דאָפּעלטע לאָיאַליטעטן". צי מען קען זיין אַ גוטער ייד, און אַ גוטער ענגלענדער, אַמעריקאַנער צי גוטער סאָוויעטישער בירגער צו דער זעלבער צייט... אפשר לעתיד לבוא, אין אַ גערעכטער געזעלשאַפט, אָדער ווען ס׳וועט זיין איין וועלט־מלוכה און יעדער מענטש וועט זיין אַ וועלט־בירגער וועט עס מעגלעך זיין... אָבער, לעת עתה, איז עס ניט אַזוי גרינג צו זיין אַ גוטער נאַציאָנאַלער ייד און אַ גוטער ענגלענדער צי אַמעריקאַנער, ווי מיר ווילן זיך איינרעדן...

אַ סך בירגערלעכע ענגלישע יידן האָבן ביז איצט געפילט ווי ס׳איז ניט גרינג צו זיין אַ גוטער ציוניסט און אַ גוטער ענגלענדער... און וואָס מער און

פולער די יידישע מלוכה וועט אַנערקענט, באַפעסטיקט און זיכערער ווערן, אַלץ שאַרפער און אַקטועלער וועט די פראגע פון „בירגערלעכן דואַליזם“ מוזן ווערן.

פון דרויסן און פון אינעווייניק: ישראל און אַלע פעלקער און לענדער וואָס האָבן יידישע בירגער וועלן מוזן די פראגע שאַרף רעווידירן. און שטימען וואָס זאָגן אָן אָדער פּאָרויס די רעוויזיע הערן זיך שוין...

אַט האָבן מיר לעצטנס געלייענט די מערקווירדיקע נייעס, אויף וועלכער מיר מוזן זיך אָפּשטעלן, ווייל זי איז זער און זער סימפּטאָמאַטיש: „די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזט אַ דערקלערונג אַז „די אַמעריקאַנער יידן אין ישראל וואָס וועלן אַנטייל נעמען אין דאָרטיקע וואַלן, וועלן פאַרלירן זייער אַמעריקאַנער בירגערשאַפט“. וואָס די דערקלערונג מיינט איז פּראָסט פּשוט און לאָגיש אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג גלויבט ניט אין דאָפּעלטע לאָיאַליטעטן...

מיר דאַרפן ניט צוגעבן אַז אַלע אַנדערע רעגירונגען און לענדער — איינגעשלאָסן ישראל — וועלן ניט זיין שפּעט, אויב זיי האָבן עס שוין ניט געטון, אין אַרויסלאָזן ענלעכע דערקלערונגען ביז עס וועט קומען צו שאַרפע געזעצן.

דאָס איז אַ נעגאַציע, אויב איר ווילט, פונם אַלטן כל ישראל יש לו חלק...

די פופציק טויזנט אַראַבער וואָס האָבן געוויילט איצט פאַרן יידישן פּאַרלאַמענט אין ישראל האָבן פּאָטענציאַנעל מער דעה אין דער יידישער מלוכה ווי די מיליאָנען יידן אין די פאַרשידענע גלותן פון אַמעריקע, רוסלאַנד, ענגלאַנד א.אַז.וו.

און ס'איז לאָגיש אַזוי, און אַזוי דאַרף עס זיין...

אָדער נאָמיר נעמען נאָך אַ פּאָר ביישפּילן וואָס באַווייזן ווי דער „שיידוועג“ צווישן דער מלוכה און דער דיאַספּאָרא מוז ווערן אַלץ ברייטער און ווייטער; איך מיין די אַרויסטרעטונגען, די לעצטע אַרטיקלען פון איליאַ ערנבורג און אַרטור קעסטלער, וועלכע האָבן פון פאַרשידענע אויסזיכטן געמאַכט אַזאַ רושם אויף דער יידישער עפנטלעכקייט: ווי אידעאָלאָגיש פאַרשידן די צוויי באַוווסטע שרייבער זיינען איז גוט באַקאַנט: איליאַ ערנבורג האָט אין זיין אַרטיקל וועגן ישראל און די יידן אין אויסלאַנד אַרויסגעזאָגט די „אָפיציעלע“ אפשר שטימונג פונם סאָוויעטישן יידנטום; און דער איצטיקער אַנטי־קאָמוניסט קעסטלער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין אַרטיקל „דער סוף פון אַ מיסיע“ די אידעאָלאָגיע פון דער אַסימילאַטאָרישער וואָרצנלאָזער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך (אויף ווי לאַנג?) אָנגעשלאָסן אין דעם עקסטרעמען רעכטן פּאָליטישן ציוניזם (ער איז איצט, דאַכט זיך, אַ מיטגליד פון דער חרות פּאַרטיי). אָבער ניט קוקנדיק אויף די עקסטרעמע לאַגערן פון די צוויי שרייבער, באַגעגנען זיי זיך אין דער אמתן אין זייער גרונט־געדאַנק (וועלכער איז שוין אגב פריער אין אַנאַדער פאָרמע באַהאַנדלט געוואָרן אין אונזער פּובליציסטיק).

איליאַ ערנבורג האָט אומגעפער דערקלערט אַז דאָס סאָוויעטישע יידנטום



פילט זיך גליקלעך מיט זייער פאָטערלאַנד און האָט גאָרניט צו טון מיט ישראל, הגם ער גיט צו אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע אומגליקלעכע יידישע מאַסן וואָס דאַרפן האָבן אַ יידישע מלוכה...

און קעסטלער האָט אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל „דער סוף פון אַ מיסיע“ געוואָרפן אַ גט דעם יידישן גלות, און דער גאַנצער ביז איצטיקער יידישע געשיכטע... קעסטלער איז גרייט איינגאַנצן אָפּ'גט'ן ישראל פון דער דיאַספּאָרא, ווי אַ עכטער אַסימילירטער אינטעליגענט, ער זעט בלויז מיאוסקייטן...

איצט גייט ניט אין אַ דיספּוט מיט די צוויי שרייבער: איך גלויב צום ביישפּיל אַז אינם איצטיקן רוסלאַנד זענען דאָ אַ סך יידישע בירגער וואָס זענען פּאָטענציאַנעלע געזונטע ישראל בירגער. איך גלויב אויך צום ביישפּיל, אַז דער גרעסטער רוב נאַציאָנאַל־שפּראַכיקע יידישע שרייבער ווו זיי זאָלן ניט לעבן, זענען פּאָטענציאַנעלע ישראל בירגער... און דער סנאָבישער עקסצענטרישער קעסטלער ווידער ווייסט ניט און פאַרשטייט ניט אַז דווקא די גוטע און פּאָזיטיווע מעלות און כחות פונם גלות יידנטום, וואָס ער האָט אַזוי פיינט (און ער איז אַ טיפּישער אַסימילירטער גלות אינטעליגענט) האָבן מיט אַזוי פיל העלדישקייט און ליבשאַפט און גלויבן אין פאָלק, געשאַפן די איצטיקע יידישע מלוכה...

אָבער ווי געזאָגט זענען די ביידע אַרויסטרעטונגען פון ערנבורג און קעסטלער מער ווי סימפּטאָמאַטיש און אין תוך גענומען ריכטיק און לאָגיש:

די פאַרפרעמדונג קולטורעל און פּאָליטיש צווישן ישראל און דער דיאַספּאָרא מוז קומען; קיין מלוכה, קיין לאַנד — צי ס'איז רוסלאַנד, ענגלאַנד אָדער אַמעריקע — וויל ניט האָבן קיין בירגער מיט דאָפּעלטע לאָיאַליטעטן. און ישראל, ווען זי וועט באַפעסטיקט ווערן, וועט עס אויך ניט וועלן. ווי שטאַרק עס זאָלן נאָך ניט זיין ביי אירע איצטיקע ערשטע בויער און גרינדער די ליבלעכע קניפּן מיט דעם גלות יידנטום פון וועלכן זיי שטאַמען... און עס וועלן דאָרט נאָך אויפשטיין, נאַטירלעך, דורות פירער, וואָס וועלן ניט קענען, אָדער קוים געדענקען דעם גלות...

און אויב ס'מוז טאַקע קומען צו פאַרפרעמדונג צווישן דער יידישער מלוכה און דער דיאַספּאָרא, הייסט עס אויך ניט אַז ס'מוז קומען צו אַ שפּאַלטונג אינם יידישן פאָלק? און אַ סך פון אונז האָבן, ווייזט אויס, דערפאַר מורא ווען זיי רעדן און קלערן וועגן דער פּראָבלעמע מלוכה און גלות, וועלכע ווערט פאַר אונז אַלץ מער און מער אַקטועל.

אָבער איך מיין אַז דערפאַר דאַרפן מיר ניט מורא האָבן, ווייל די פאַרפרעמדונג וואָס מוז קומען איז ניט צווישן פאָלק און לאַנד. נור צווישן אונזער גאַנצער און האַלבער אַסימילאַציע און דעם פאָלקישן און נאַציאָנאַלן יידנטום, וואָס וועט זיך מוזן אַלץ מער קאָנצענטרירן און סינטעזירן — פיזיש און גייסטיק — אין דער יידישער מלוכה. מיר נאַציאָנאַל־וועלטלעכע, פאָלקישע יידן האָבן סיי ווי געהאַלטן אין איין קעמפן און אָן גרויסן ערפאָלג, מוזן מיר צוגעבן (און כאָטש דער אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם האָבן אונז אין דעם פּרט

„צוגעהאָלפן") מיט דער באַוווּסטזיניקער און ניט ווילנדיקער אַסימילאַציע, און אונזער נאַציאָנאַלן קיום געמוזט אויפהאַלטן און מונטערן מיט פאַרשידענע גדרים... די שפּאַלטונג איז סיי ווי שטענדיק געווען אין יידנטום צווישן דעם פאָלקישן קערן און די ניט שעפערישע אַסימילאַציע־שטראָמען.

איצט מיט דער יידישער מלוכה ווערט די זעלבע, אַלטע שפּאַלטונג נור שאַרפער און קלאָרער:

דאָס פאָלקישע יידנטום האָט געקראָגן, צוריקגעוווּנען די נויטיקסטע נאַציאָנאַלע פאָרמע זיך אויפצוהאַלטן אַלס פאָלק — דאָס לאַנד; און די אַסימילאַציע וועט מער ניט זיין צו אונז געבונדן צוליב „פילאַנטראָפּישע טעמים", ווייל זיי ווילן העלפן זייערע „אָרעמע ברידער", אָדער ווייל מען אַסימילירט ניט גערן יחידים, וועלכע קומען פון פאַרפאָלגטע, שטאַטלאָזע מאַסן און זיי וועלן זיך נאָרמאַלער איינבירגערן, אַסימילירן אין די לענדער פון זייער נאַטוראַליזאַציע. דאָס נאַציאָנאַלע, פאָלקישע יידנטום פון אַלע שאַטירונגען, קלאַסן און ריכטונגען וועט בהדרגה אַרויסגיין פון גלות, און די לענדער חוץ לארץ וואו יידישע מאַסן וועלן בלייבן איינגעבירגערט וועלן אין דעם זעלבן פּראָצעס פון נאָרמאַליזאַציע, אויפהערן זיין גלות לענדער — גלות.

# אסתר קרייטמאַן

## געוואָרן אַ טרעמפּ

דזשאַרדזש האָט פונאַנדערגענומען די צוויי „בייגל" פון די העמד־אַרבל, אַראָפּגעלאָזט זיי איבער די לאַנגע, גראָב־אָדערדיקע, גרינע שטעקנס אַנשטאָט אָרעמס, אָפּגעשאָקלט דאָס מעל פון דער צעפליקטער מאַרינאַרקע. די מאַרינאַרקע האָט באַקומען אַ פינצטערן אויסזען.

שוין 8 יאָר ווי ער האַלט אין איין בייטן די אַרבייט. דזשאַרדזש, און נישט מיט זיין ווילן. פון זיינעטוועגן וואָלט ער זיך געהאַלטן דאָ, די רעשט פון די עטלעכע יאָר, וואָס ס'וועט אים נאָך באַשערט זיין צו לעבן. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז מ'פרעגט אים נישט קיין דעות. ווי נאָר ער געוווינט זיך ערגעץ צו, צו דער אַרבייט, צו די מענטשן, קומט תמיד אונטער „עפּעס" — און מ'הייסט אים גיין.

איצטיקעס מאָל האָט ער געאַרבעט ביי אַ בעקער. ווילע מענטשן. ר'האָט פאַרדינט צוויי פונט מיט צען שילינג אַ וואָך. געצאָלט האָבן זיי פּינקטלעך, פאַרשטייט זיך, און נישט געזוכט זיך צו טשעפּן.

זי, די בעקערין, אַ ברייטע יידינע, מיט אַ ברייטן שרינט צווישן די שיטערע גראָע האָר, מיט אַ קיילעכדיק שמייכלדיק פּנים, איז צו אים געווען „ווי אַ מאַמע". יעדן פרימאָרגן איידער ער איז אַהיימגעגאַנגען פון אַ נאַכט אַרבייט פלעגט זי אים אַריינשטופּן אַ שקאָרמיץ בייגל אין דער האַנט אַריין:



— נאַ, ס'ט'האָבן אַ יידישן ברעקפעסט (פרישטיק) און וויסן פון אַ טעם.

— פלעגט זי שמייכלען מיט הנאה און אַלע וואָרצלעך אויף די לויזע באַקן און אַרום דער גאָמבע האָבן גוטמוטיק מיטגעשמייכלט, ממש געשיינט....

און דעם בעקער, אַ נידריקן ייד מיט אַ פאַרמעלקעקטע באָרד, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דראָען די מענטשן זיינע, אַז ער וועט זיי אַלע אַהיימשיקן, אַז ער דאַרף נישט קיין „יוניאָן שמוניאָן לייט" ביי זיך אין דער בעקעריי — און די מענטשן האָבן פונדעסטוועגן געאַרבעט ביי אים צו צען און צו פופצן יאָר, נאָכאַנאַנד — איז אַ שאָד געווען, וואָס ער מוז אָפּזאָגן דזשאָרדזשן.

איינער אַ הויכער יינג, אַ ברייטפּלייציקער, וואָס האָט אָנגעהויבן בשעת ער האָט צו פערצן יאָר פאַרלאָזט די שולע, און איצט איז ער שוין אַ טאַטע פון קינדער, שפּעט אים נאָך, דעם בעקער:

„כדאַרף נישט קיין יוניאָן שמוניאָן לייט! ביי מיר איז אַ בעקעריי, נישט קיין יוניאָן!" בייזערט ער זיך און פּרוּווט אויסזען נידריקער, ווי ער איז. חברה פּלאַצן פון געלעכטער, און דזשאָרדזשן איז דאָ היימלעך.

די יינגן האָבן אים יעצט אַריינגעשטופּט אַ שילינג, יעדער, און האָבן אים אָנגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן.

— וואָס רעכנסטו צו טון, דזשאָרדזש? — האָט אים איינער אַ פרעג געטון. דזשאָרדזש האָט זיך אַ פאַרחידושטער אומגעקוקט. זינט ער אַרבעט דאָ, האָט ער אַחוץ פון דער בעקערין, מצד קיינעם נישט געהערט זיין נאָמען. ווען ער איז מיט זעקס חדשים צוריק אָנגעקומען אין דער בעקעריי האָבן די יינגן אויף אים אַ קוק געטון — און אויפן אָרט געקרוינט אים מיטן נאָמען „שומיאַל" (שלומיאל).

זיין שוואַרצע צוזאַמענגעצויגענע הויט אויף די קנאָכיקע קינבאַקן, די קנייטשן אויפן נידריקן שטערן, ווי דורכגעשניטן מיט אַ מעסער איינגעטונקען אין טינט. זיינע לאַנגע, שוואַרצע, קנאָכיקע הענט מיט די גרויסע העלע נעגל אָנגעפּילטע מיט ברויט. די רויטע פייכטע טרויעריק־שמייכלדיקע אויגן מיט די געלע, טויטע, ווייסלען. זיין ביטערער הולך; די אַראָפּהענגענדיקע, צו לויזע, צעפליקטע מאַרינאַרקע, וואָס האָט זיך פונדעסטוועגן ערטערווייז געשניטן אין די ביינערדיקע גלידער אַריין. בולטער געמאַכט די דאַרקייט פון זיין אויסגעצויגענעם לאַנגן גוף, די פעטע קלעפּיקייט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אים גורם געווען אַן אויסזען פון אַ געשטאַרבענעם „טרעמפּ", ביי וועמען ס'איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער שמייכל אויפן פּנים, און ער וויל נישט פאַרשווינדן אפילו איצט, נאָכן טויט. — אַ פינסטערער שמייכל.

דער בעקער האָט באַצאָלט דזשאָרדזשן פאַר אַ וואָך שכירות און זיך פאַרענטפערט:

— וואָס קאָן איך טון, אַז די קונים הערן אויף קויפן? — זיי מיאוס'ן זיך! — האָט ער פאַרענדיקט אויף יידיש און אָנגעקוקט דאָס ווייב, וואָס האָט דערווייל איינגעוויקלט אַ ברייטל, אַריינגעלעגט אין שקאָרמיץ עטלעכע ווייך־געוואָרענע קיכלעך.

— נאַ, פאַר די קינדער!

דזשאַרדזש האָט זיך גיך אַרויסגעשאַרט פֿון דער ליכטיקער, זוניקער קראָם, וווּ אַלצדינג האָט געגלאַנצט מיט רחבות, איז געווען באַהויכט מיט אַ מעליק שטויבעלע, וואָס האָט גורם געווען איר, דער קראָם, אַ מין זאַטע פרייִלעכקייט.

די בעקערין האָט אים אָנגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען ער וואָלט זיך געהאַלטן אַ ביסל ריינער?

— גיי, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ! — האָט דער בעקער גלייכגילטיק די קוכנס, און געגעבן דער בעקערין צו פאַרשטיין, פאַר וואָס דזשאַרדזש האַלט זיך נישט „אַ ביסל ריינער“.

— ר׳איז דאָך שווינדזיכטיק, און ס׳ווייב לאָזט אים אין שטוב נישט אַריין. ער האָט אַפילו נישט וווּ אָפּצוגאָלן זיך. געזען אַ גאַמבע? שפּיציק און באַוואַקסן מיט שטעכיקע האָר, ווי ביי אַ שוואַרצן דבר אחר.

ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ מלחמה, דעם העלד, צאָלט ער. און ווער מיינסטו וועט אים העלפן? אַ קלאָג צו זיין שכל. ווער וועט אים האַלטן, אַז ער האָט צושאָסענע לונגען? זיי אוודאי נישט! ביי אונדזערס איינעם קאָן ער נאָך געפינען אַרבייט אויף עטלעכע וואָכן, אָבער זיי? — אַנומלע האָט ער אָנגעבאָטן אַ ליידי צו באַשניידן ס׳גראָז אין גאָרטן, האָט זי פאַרהאַקט די טיר. אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן אים.

— בררר, אַ ליידיק מויל ווי אַ קבר. אַ ברודיקער! — האָט זי געזאָגט צו דער דינסט אינם בלאָעם קלייד, מיטן ווייסן, שטייפן טשופּיק אויפן קאָפּ גראָע האָר.

— אַזוי זענען זיי, ביי זיי איז נישטאָ קיין רחמנות. ביי זיי, אַז דו האָסט איז דיר גוט. טאָמער נישט מעגסטו זיך באַגראָבן — האָט די בעקערין געגעבן צו פאַרשטיין דעם בעקער אַביסעלע פּסיכאָלאָגיע...

— מיסעס לידווי, די נעקסט־דאָריקע, האָט דאָס געפּועלט דעמאָלט, אַז איך זאָל אים אַריינעמען אין דער בעקעריי. זי קאָן אים. ער איז אַן ערלעכער יאָק, האָט זי געזאָגט סאַ רחמנות. — נו, האָב איך אים אַריינגענומען. אָבער כ׳קען דאָך נישט פאַרלירן די קונים צוליב אים!

דזשאַרדזשן האָט זיך שטאַרק נישט געגלוסט אַהיימצוגיין. ער האָט געוווּסט, אַז פונם בליק, וואָס דאָס ווייב וועט אים צווואַרפן וועט אים קאַלט און הייס ווערן, אַז ער וועט אויסשפּייען אַ שטיק בלוט און לסוף סיווי מוזן צוריק אָפּטראָגן זיך. איז ער אַריין אין אַ דערבייאיקן פּאַרק.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער. די גוט געפּפלעגטע בלומען־בייטן האָבן געבלענדט מיט קאָלירן, שמעקעדיקע ריחות געשפּרייט.

אויף דעם גראָז האָבן זיך קינדערלעך געקאָלערט מיט געלכטערן און געשרייען, הינט האָבן זיך מיטגעקאָלערט, געבילט פון פרייד. פאָרלעך זענען געלעגן אַרומגענומען, פאַרגעסן, אַז זיי וואָלטן איצט גאָר געדאַרפט זיין ביי דער אַרבעט, אַז פאַר ליבן זיך אויפן גראָז, וועלן זיי סוף־וואָך, קיין שבירות



נישט באַקומען.

— ס׳איז נישטאָ קיין אַרבעט, — האָבן זיי זיך געזאָגט — אָבער זון איז דאָך דאָ! (און ווען שיינט דאָ די זון?) האָט מען זי אויסגענוצט.

אויף אַ שטיק אַרומגעצוימט גראָז, גרין און פריש פאַרשניטן, האָבן אַ צענדליק עלטערע מענער געשפּילט „באָלס“. איינגעבויגענע, מיט ערנסטע פּנימער, האָבן זיי אָנגעשטרענגט די שטאָלענע אויגן, מיט געשפּאַנטער נייגעריקייט געקוקט אויף די שוואַרצע באָלן, וואָס האָבן זיך געקייקלט אויפן סאַמעטענעם גראָז.

אויף צוויי לאַנגע הילצערנע בענק זענען געזעסן זייערע ווייבער: אַלטע, איינגעטריקנטע, אין טונקעלע מלבושים, מיט פרומע פּנימער, און גרויסע הוטן אויף די גראָע קעפּ, צוגעקוקט זיך צום שפּיל. טייל האָבן געשטריקט לייבלעך.

ייִדישע ווייבער זענען געזעסן אַביסל ווייטער און צווישן זיך געשמועסט מכח קאָכן און באַקן — און ייִדישע צרות. אינאיינוועגס חוזק געמאַכט פון די אַלטע, וואָס זיי נעמען דאָס שפּיל אַזוי ערנסט.

— וואָס יאָקעס קענען? — האָבן זיי געשאָקלט מיט די לויזע פּנימער.

— אסור חזיר, צי אַ ייִד וואָלט געהאַט דעם קאָפּ דערצו!

דזשאַרדזש איז געזעסן עטלעכע שעה און צוגעקוקט זיך צו דעם שפּיל אין שוואַרצע באָלן אויף גרינעם גראָז. צומאָל מיטגעריסן געוואָרן און זיך אויף אַן אמת פאַראינטערעסירט צו די באָל וועט אָנקלאַפּן, אָדער נישט. לסוף איז ער אַהיים געגאַנגען.

אין קיך, אויף אַ זויבערער, ערטערווייז צעריסענער סיראַטע, האָבן זיינע פיר ייִנגלעך אַלע מיט שטאָל־גראָע אויגן, אַלע פולע, מיט רויטע געזונטע בעקלעך געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ „פּאַלאַץ“. אַפילו אַ פענדל שוין געהאַט אַריינגעפּאַסט צווישן די קלעצלעך.

דערזען דעם פאָטער האָבן זיי זיך דערפרייט, נישט אַזוי מיט אים, ווי מיט דעם וואָס זיי וועלן אים קענען ווייזן וואָס פאַר אַ פיינעם פּאַלאַץ זיי האָבן אויפגעבויט.

— זעסט, דעדי, — האָט דער מיטלסטער דערציילט מיט התלהבות — דאָס האָט אונדז געקויפט מיסטער בראַון. ער זאָגט, ער וועט אונדז קויפן אַ „ריעל פּעלעס“ (אַן אמתן פּאַלאַץ) אויב מיר וועלן נישט וויינען, ווען די מאַמע גייט אַוועק.

דזשאַרדזש האָט אַ ביטערן שמייכל געטון.

— ר׳איז אַ גוטער, מיסטער בראַון! וואָס? — האָט ער אַ פרעג געטון דעם עלטסטן, דעם אַכט יערקן. דער קלייִנער האָט געהאַט גרייט אַ פריילעכן יאָ, נאָר ער האָט זיך פּלוצלונג באַגעגנט מיטן פאָטערס בליק, און דאָס וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין העלדזל. ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי אַ דערוואַקסענער און אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט ער זיך גענומען פאַרן גיכער ביי די קלעצלעך. פּלוצים האָט ער צעוואָרפן דעם פּאַלאַץ. די

קלעצלעך האָבן זיך מיט אַ הילצערנעם געקלאַפּער צושאָטן — און דער יאָ איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

— ווו איז די מאמע? הא? — האט ער זיך געבייזערט אויף די קינדער. זיי האבן נישט געענטפערט.

— ווו איז די מאמע? — האט ער זיך צעהוסט.

— די מאמע האט געזאגט כ׳זאל זאגן כ׳ווייס נישט. — האט אַ פיר־יאָריקס געזאגט. דער עלטסטער האט זיך צעלאכט. באלד איז ער שטיל געווארן און זיך גענומען פארן אינטענסיווער נאך ביים צענויפזאמלען די קלעצלעך פונם דיל.

— די מאמע איז אָוועקגעגאנגען מיט מיסטער בראון. ער האט געזאגט, אַז זי וועט נישט גיין וועט ער ווידער וועלן דירה־געלט — האט דער עלטסטער גערעדט שטיל, ווי ער וואלט פארטרויט דעם פאטער אַ סוד.

— וועסט נישט זאגן דער מאמען, אז כ׳האב דערציילט, וועסטו? — האט דער קליינער געוואלט זיין זיכער.

— נישט זאגן, — האט דזשארדזש אַ ברום געטון מיטן לײדיקן מויל.

— מיסטער ברוין אויך נישט! — האט זיך פלוצלינג אָפּגערופן אַ זעקס יעריקס, אַ פּולס, אַ בלאנדס, מיט אַ פארסמארקעט נעזל און פולע הענטלעך מיט קלעצלעך, וואס ער האט צענויפגענומען פונם דיל. — אז נישט וועט ער נישט קויפן קיין פאלאץ — האט דער קליינער געגעבן צו פארשטיין דעם פאטער אַביסל לאָגיק.

דזשארדזש איז ארויס. ער איז צוריק אריין אין פארק. ער האט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באנק קעגן איבער אַ קינסטלעכן טייך. אינם וואסער איז געשווומען אַ קאטשקע מיט בלאָע פליגל און נאך איר, אפשר א טוץ קליינע, געלע קאטשקעלעך.

דזשארדזש האט אריינגעווארפן די ווייך־געווארענע קיכלעך אין וואסער אריין.

די קאטשקע מיט אלע אירע קינדער האבן זיך אין איין אימפעט א לאז געטון צום ברעג.

דזשארדזש האט זיך צוגעקוקט, ווי די חברה פרעסערס ניבלען אריין די קיכלעך.

אַן אלטער אפגעריסענער מענטש, מיט אַ פארקאלטנטער גרא־גרינער בארד, מיט לאנגע פארקאלטנטע גרא־גרינע האר און אַ פאר צעפליקטע שיך, וואס האבן איבערגעלאזט נאקעט אלע צען ברודיקע געשוואלענע פינגער פון זיינע צעפלאַטשטע פיס, האט זיך שווער אוועקגעזעצט.

— האלא! שוין ווידער יום טוב?

דזשארדזש האט אָנגעקוקט דעם אַלטן מיט שטארע אויגן, ווי ער וואלט אים ניט דערקאנט. זיינע מחשבות זיינען געווען העט ווייט אוועק.

— זי איז אמאל געווען אַ גאנץ אָרענטלעכע. איך זאָג דיר — האט ער גערעדט צו זיך אליין, און געקוקט שטאר פאר זיך.



— וואָס מייסטו? — האט דער אלטער אויסגעגלאצט די צוי־קאליע אויגן, זיינע אויף דזשארדזשן, מיינענדיק, אז ער רעדט דאס צו אים.

— ער האט זי ביי מיר צוגענומען פאר דירה געלט, און עסן פאר די קינדער. דער אלטער האט נאך אלץ נישט פארשטאנען, וואס ער מיינט.

די נאכט איז צוגעפאלן.

ס׳האט זיך דערהערט אַ קלינגען פון אַ גלעקל און דעם וועכטערס אויס־רופן „אַל אוט״. אלע ארויס פון פארק. דזשארדזש איז מיטן ברייטל אונטערן ארים אוועק צוזאמען מיטן אלטן, אפזוכן זיך ערגעץ ווו א נאכטלעגער.

אויף אַ שטיינערנעם טרעפ פון אַ טאַבאַק פאבריק האבן זיי זיך איינגע־ארדנט, געטיילט זיך מיט דער בעקערנס ברייטל און מיטן אלטנס שמאטעס. דזשארדזש איז געוואָרן אַ טרעמפ.

# מאקס הערשמאן

## וואָר און טרוים

מיר איז באקאנט דער יאָך פון וואָכעדיקע טעג,
ווען וואָר און טרוים, — ווי שאָטנס, פלעגן מיך באגלייטן;
די וואָר פארפאָלגט האָט מיך אויף יעדן וועג און שטעג,
דער טרוים געצויגן מיך האָט אין געהיימע ווייטן...

געפאנגען, ווי אין שפינוועב, אין איר פעסטן קלעם,
דעם טרוים, וואָס וואָכט אין מיר, געוואָלט האָט זי דערשטיקן,
אז שטארבן, ער און איך, מיר זאָלן אָן אַ שם,
און מיין פארשטומט געזאנג זאָל בלייבן אָן אַ תיקון.

פון טויט־און־לעבן דער געראנגל דויערט לאנג,
און אין געפעכט דער ערשטער וועל איך אפשר פאלן;
זאָל זיין וואָס ס׳וויל! — דערווייל נאָך טראָגט זיך מיין געזאנג
און זיינע טענער אין אַ מענטשנס אויער שאלן!...

## ניט לעש זיך אויס!

נאָך גליט אין מיר אַ פונק פון יוגנטלעכן פייער —
אַ גלימערנדיקער פונק — דאָך פון זיין שוואָכן גלי
באַשטראַלט ווערט נאָך אַ טרוים, וואָס איז מיר טייער
און רופט און וועקט אין מיר די שעפערישע מי...

ניט לעש זיך אויס! — אין אש פון אָפּגעברענטע יאָרן
ביזטו מיין שטערן־ליכט אין חושך פון דאָ־זיין;
מיט דיר דער אָנהייב און דער סוף פון אלץ זיך פארן
און לעבן וויל איך — און אויך שטארבן — אין דיין שיין!...

## יצחק ווינער (עסטרייך)

# מיין מאַמע און געטאָ

פייכטע פלעקן טונקלען אויף די ווענט,
פון ווינקלען — זילבערט זיך דער שניי...
אָ, מיין שטוב! דערציילן וואָלסט געקענט
פון לעבנס דאָ פאַרגאַנגענע אין וויי.

ווינטער ניינצן־פערציק האָקנקרייציקער,
ווילד געברום פון לויערנדע שאַקאַלן.
וועמענס בלוט וועט זויפן היינט דער גייציקער?
וועמענס טיר וועט פרעך זיך היינט צופּראַלן?

נאָר מיין מאַמע — זי וויל פון גאָרנישט וויסן
וועמענס בלוט ס'וועט זויפן היינט דער הונט.
זי האָט באַקומען ערשט, פרייענדיקע גרוסן, —
איר זון אין מזרח־לאַנד — לעבט, און איז געזונט.

ס'האָט דער טאַטע — מיט דאַנק און מיט בטחון,
אַרויסגעשטאַמלט עפּעס מיט דער צונג.
(ער ליגט שוין לאַנג צו בעט, מיט פּנים אַ פאַרלאָפנס —
אויסגעצופּט די באָרד אים — האָט אַ נאַצי־יונג).

די מאַמע האַלט דעם בריוו נאָך אַלץ אין ליינען,
ס'האָט האַרץ אַרויסגעקלעמט פון אויגן איר אַ טרער.
פאַרשעמט זי זיך אַליין — וואָס פּלוצים עפּעס וויינען?
— קען דען גרעסער זיין די פרייד, וואָס גאָט האָט מיר באַשערט?

— איז גוט אַזוי, וואָס כ'האָב אַ זון דערצויגן
און אים מיט גוואַלד אַוועקגעשיקט פון דאָ.
כאָטש אים אָנזען וועלן מער נישט מיינע אויגן —
ווייס איך: ס'בלייבט פון מיר אַ דור — נאָך מיין לעצטער שעה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

טונקלען רויטע פלעקן אויף די ווענט,
פון ווינקלען — זילבערט זיך דער שניי.
אַ, מיין חורבה! נאָך פיל דערציילן וואָלטסטו מיר געקענט —
פון לעבנס דאָ פאַרגאַנגענע אין וויי.



## א. מ. פוקס

# טונקלע טעג

(דערציילונג)

(המשך)

און זי איז אַהיימגעגאַנגען. זי איז געגאַנגען גלייך צו איר שוועסטער, דער מנחם'קע, אין שטוב אַריין. זייער שטיל און נישט אַרויסנעמענדיק די צונג פון די ציין האָט זי געזאָגט: — יאָסיל, ווו איז ערגיץ יאָסיל, הער נאָר דו, ס'זענען שוין דאָ נייע זעלנער אין שטאָט, האַ? כ'האָב געזען דיין כלה עלקע'ן, ווי איז דיין לעבן. ווער זענען עפּעס די נייע זעלנער, האַ? יאָסיל זאָג נאָר. איי גאָטעניו, אַ וועלט היינט. לאה קום נאָר אַהער, מעגסט הערן, זי טאַנצט דאָך אין שענק, מיט די זעלנער!

יאָסל האָט זיך נישט אומגעקוקט. אין זיין פאַרטומלטן באַדרענג האָט ער געהערט ווי די מאַמע סוד'עט זיך עפּעס מיט זלאַטען אויפן ווינק און מיט אַ פאַרזאָרגטן זיפצנדיקן ניגון. ער האָט געפילט ווי דער מאַמע'ס נאָז איז געוואָרן לאַנג און ברוגז אָנגעדרודלט. אין די אויערן האָט אים עפּעס טויב געווערבלט גלייך ער וואָלט זיך געטרונקן אונטערן וואַסער. די שאַרפע קנאה פּיין האָט אים גריילעך פאַרשניטן ס'חיות, געביטערט מיט האַרבער חרפּה און פאַרברענטער צאָרן האָט געשאָטענט אין די אויגן. דער יונג האָט מיט אַ זאַק אויף די לענדן גיך געהיבלט אַ ברעט אויפן טיש. ער האָט געמייסטערט אַ טיר, געשניצט מיט דער דליטע און זיין גאַנץ ליידנדיק נפש איז ווי אַ פלאָקן געווען אַריינגעהאַקט אין דער סטאָלערישער מלאכה. ער האָט קרימלעך געשמייכלט מיט זיינע גרויסע ציין. דאָס אויסגעשפּיצטע פּנים, ווי ביי אַ שפּאַרבער האָט קנאַפּיק געטונקלט פון האַרטן צער.

— ווייסעך דאָרט וואָס — האָט ער הייזעריק געזאָגט — וואָס גייט אונז אָן די גאַנצע מעשה. אַ יעדער איינער טוט היינט וואָס ער וויל. ער, יאָסל רעכנט אוועקצופאָרן פונדאַנען. מען וועט דען קענען לעבן דאָ? די גויים וועלן נישט לאָזן. ער זאָגט זיינס, ווי תמיד, אַז ס'טויג אַלצדינג אויף כפּרות און שוין. מען דאַרף זיך אַרויסציען ערגיץ.

— טאַקע, אַזוי, וואוהין וועסטו דיך אַרויסציען אַ שטייגער אין דער ערד ערד אַריין מיינע שונאים? גיי לויף קיין האָצעפּלאָץ, אַז די גאַנצע וועלט איז פאַרשלאָסן. און וואָס זאָל מען טון מיטן קראַנקן טאַטן, וואוהין זאָל מען אים שלעפּן קיין בויבעריק? מ'האָט זיך נאָך אפשר ווייניק אָנגעליטן און געוואָגלט אויף די פּלוכטן אין דער מלחמה. אַז מ'איז דאָך קוים לעבעדיק ערשט אַהיימגעקומען. אָט ליגט ער אין בעט און פּאָכעט מיט דער נשמה, דער טאַטע, נעם, לויף מיט אַ מת.

די מנחם'קע האָט גערעדט און געוויינט מיט איר נאָגנדיקן טרויער ניגון, אַז ס'האָט טעמפּ פאַרקלעמט אין די געדערים. געהויקערט אין דער צעפּליקטער שאַל, האָט זי געשיילט בולבעס. געבלאָזן אין דער צערויכערטער רובע

מיטן גאַנצן פֿאַראומערטן פּנים וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע, און זי האָט זיך ווידער גענומען סוד'ן מיט דער שוועסטער: נײַע זעלנער? וואָס הייסט עפּעס דאָס, ווער זענען זיי, ווען זײַנען זיי אַרײַן אין שטעטל, וואָס ווילן זיי דאָ? מנחם, סענדער, יאָסל, געוואַלט מענטשן, קינדער, איר הערט. עפּעס אַ נײַע צרה, מסתמא, מען דאַרף זיך ערגיץ באַהאַלטן, אַנטלויפֿן...

סענדער, דער יונגערער זון, אויסגעסטראָיעט אין זײַנע אויסגעגלאַנצטע שטיוועלעך, מיטן גרינעם קאַפּעלושל האַפּערדיק אָנגערוקט אויפֿן אויער, האָט געהאַקט שפּענער פֿון אַ שטיק האָלץ אויף דער שוועל. ער איז שטיק געבליבן דערשראָקן מיט דער האַק אין דער האַנט און זיך גענומען בייזערן אויף דער זלאַטען גלײַך זי וואָלט שולדיק געווען אין דער גאַנצער צרה:

— וואָס בעבעט זי עפּעס דאָרט זלאַטע וואָס?! ביזט שוין אויכעט געוואָרן אַ פֿרומע גבאי'טע? קוק זי נאָר אָן־אָ. זי קומט גאָר גאַנץ פֿרי אָנרעדן פּאַטשטן הערסט מאַמע, אַלע מיידלעך און אַלע ייִנגלעך גיין הײַנט טאַנצן. ער, סענדער אַליין, גייט אויך טאַנצן אין די שענקען מיט מיידלעך. שייקע לייזערס און זײַנע שותפים משה, יענקעל, און נחום סראָל־עליס גיין אויכ'ט טאַנצן. מ'בייסט חלילה נישט אָפּ אַ שטיקל פֿון קיינעם. זלאַטע הערסט, גיי בעסער אַהיים און גיב דײַנע קינדער עסן אָנבייסן וועסטו גלײַכער טון. אַ גוטן טאָג און אַ גוט יאָר און האָב דיר אַ גוטן שליטוועג. פֿאַרגעס נישט צו קומען גוט־שבת ביטן, זלאַטע.

— די שונאים זאָלן אַזוי האָבן די ציין אין מויל ווי זי האָט זיי וואָס צו געבן עסן — האָט זלאַטע אַ ביטערן זיפֿץ געטון, אַז ס'האָט אַ ריס געטון אין האַרץ פֿון שרעק. ווי אַ אָנגעפּלעצטער שאָטן האָט זי זיך זײַטיק אַרויסגעשלײַכט פֿון דער שטוב. מנחם האָט איר נאָכגעקוקט מיט זײַן שטענדיק פֿאַרטראַכטן צער־בליק און שווער אָפּגעהוסט. זײַן שלאָפֿער קאָפּ און אָפּגעריבענעם שעפּסענעם היטל איז געווען טיף אײַנגעבויגן. דאָס אויסגעצערטע באָרדיקע פּנים בלײַך פֿאַרוואָלקנט. האָט ער זיך שוין געפּאָרעט בײַ זײַן אַרבייט. מיט אַ גרויסער זאַקנאָדל אין די אָדערדיק אײַנגעדאַרטע הענט, האָט ער געשטאָכן אַ האַרטן צעפּליקטן גוישן פּעלץ, וואָס האָט מיט זויערן און שטויביקן ריח טעמפּ געדישעט זײַן צעקייכטן אָטעם און דעם קראַנקן האַרץ. ער האָט געניט געלאַטעט און פֿאַררעכט דעם פּעלץ, ווי מיט עפּעס אַ הנאה. ווי וויל דער ייִד האָט געוווּסט אַז די גויים באַצאָלן נישט קיין לוין פֿאַר דער אַרבייט און ווילן אַלצדינג אומזיסט. ס'איז זייער מלוכה, טענה'ן זיי מיט גאווה.

— מ'הערט אַז די פּוילישע זעלנער זענען נאָך ערגער צו די ייִדן ווי די רוטענישע. די רוצחים האָבן געמאַכט אַ מורא'דיקן פּאָגראָם אין לעמבעריק. זיי האָבן געהרג'עט הונדערט ייִדן און פֿאַרברענט די אַלטע שול. מ'זאָגט אַז ס'טוט זיך אָפּ חושך אין די שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע. ווו נאָר די פּאָליאַקן האָבן דאָרט די ממשלה, זיי הרג'ענען, שלאָגן, רויבן, רײַסן בערד... — האָט מנחם זיך שטיל אָנגערופֿן און אַ שווערן קוק געטון צו די צוויי זין אין שטוב.



סענדער האָט זיך געכאַפּט אָנטון זײַן מאַנטל:

— יאָ, יאָ, טאַטע, ס'איז טאַקע אמת. זיי זענען אַלע ווילדע כלבים, אַ שׂרפֿה אויף זיי. ווער ווייסט וואָס ס'וועט זיך אָפּטון אין שטעטל. מ'דאַרף גוט אַכטונג טון אויף די גזלנים. יאָסל באַהאַלט די האַק... — האָט ער געזאָגט אַ פֿאַרטראָגענער פֿון אויפֿרעג. ער האָט נאָך נעכטן געהערט אַז די פּאָליאַקן זענען אַרײַן אין שטעטל. די רוטענער זעלנער זענען אַנטלאָפֿן אין די אַרומיקע דערפֿער און ס'עט זײַן אַ שלאַכט. זיי האָבן שוין פֿאַרכאַפּט די באַן מיט דער בריק איבערן טײַך. מ'זאָגט אַז די פּאָליאַקן מאַכן אַ נײַע אַסענטירונג. אַז אַלע ייִדן וועלן זיך מוזן גיין שטעלן צו די פּוילישע זעלנער. אַ מהומה אויף זייערע קעפּ. הערסט, יאָסל, דו זיי אין שטוב און טו אַכטונג און עך טו אַ לויף זען וואָס ס'טוט זיך עפּעס אינדרויסן.

די מנחם'קע האָט אים געטון אַ כאַפּ אָן בײַ אַ פּאָלע, פֿאַרשטעלט אים די טיר און בהלה'דיק זיך געבייזערט:

— ניין, חלילה, ווי איז מיר, סענדער, וועסט נישט גיין אין ערגעץ. עך וועל דעך נישט לאָזן גיין קינד מײַנס. פֿאָלג בעסער אַ מאַמע. און זיץ אין דער היים אין אַזאַ ווייסטן טאָג, וועסטו גלײַכער טון. טאַטעניו, ליובעניו, זינדעלע מײַנס, געוואַלד געשריגן, רוצח, גיי נישט — האָט זי זיך פּלוצים גענומען בעטן מיט ווייכע, גוטע און וויינענדיקע רייד. זי האָט שוין גענוג צרות אָן אים אויכעט. טאָמער חלילה כאַפּט מען אים אין דרויסן און מען פֿירט אים ערגעץ אַוועק וואָס וועט זײַן, האַ? אַז די זין זײַנען דאָך ערשט אַהיים געקומען פֿון דער מלחמה, אַז זי האָט שוין געדאַנקט גאָט אַז זי האָט זיי דערלעבט צו זען לעבעדיקע און געזונטע אין שטוב. זי האָט זיך ווייניק די אויגן אויסגעוויינט? — מנחם, וואָס שווײַגסטו, מנחם? לאָז אים נישט גיין.

נאָר מנחם האָט פֿאַרטראַכט געשוויגן מיט דער צעקנאָדערטער באָרד און סענדער האָט נישט געוואָלט פֿאָלגן די מאַמע. ער האָט אַ פּראַל געטון מיט דער טיר און איז אַוועק זען וואָס ס'טוט זיך עפּעס אין דער וועלט און הערן נײַעס. אָבער ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט.

די ווײַסע שטילקייט האָט געגליווערט ווי מיט אָן אָנגעפּלייצט איבערגעשראָקן שווײַגן. אַ פֿרישער שניי איז אָנגעפֿאַלן, אַ גלאַטיקער און אַ טויטער. קיין שום פּוס האָט אים נאָך נישט באַרירט. ווי אַ ווײַסער הימל, אַ שווער פֿאַרטאַיעטער איז ער געלעגן אויסגעשפּרייט און געוואָרנט מיט שטורמען בייז. די טירן פֿון די געהויקערטע ייִדישע שטיבער זענען געווען פֿאַרהאַקט און טויב פֿאַרבלאָזן מיט שניי הויפֿנס, גלײַך אינעווייניק אין זיי וואָלטן געווען פֿאַרגראָבן מתים, ווי אין קברים בערגלעך. סענדער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער דאָזיקער טויטער שטילשווײַגעניש. און דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז עפּעס איז נישט גוט. ער איז געשטאַנען איינער אַליין, אויף אַ שנייאיק בערגל און אַרומקוקנדיק זיך אין דער ווײַטקייט אַרײַן. האָט אין זײַן יונג פּנים געציטערט די שאַרפֿע אָנגעשטרענגטע מינע פֿון אַ חיה, וואָס זי איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן ערגעץ אין אַ פֿרעמד פֿעלד. פּלוצים

האָט דער יונג אַ שפּיץ געטון די אויערן. ס'האָט זיך געהערט פון ערגעץ אַ בייזער פּראַל פון אַ טיר און אַ איבערגעהאַקט געשריי: גוואַלט! אויבן אין דער לאַנגער גאַס, האָבן צוויי נייע זעלנער, מיט די פּיר־שפּיציקע היטלעך, אַרויסגעפירט אַ שוואַרצלעכן יידן פון דער שטוב און אים אונטערגעטריבן, האַקנדיק מיט דער ביקס אין די קני אַז ער זאָל גיין גיכער.

— אהאַ, ס'הויבט זיך שוין אָן די חתונה. מ'כאַפּט שוין יידן. — האָט סענדער גרימיק אַ מורמל געטון. ער איז געלאָפן צו רחלען אין שענק אַריין: קיינער איז דאָ נישט געווען. די פּוסטע קעלט פון די בלאָהע נעצנדיקע ווענט האָט אָנגעיאָגט נאָך מער שרעקיקע שווערקייט. די דיקע פאַרהאַוועטע און צעשויבערטע שענקערין האָט גיך געפּאַקט קופּערנע כלים אין קופערט אַריין. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו דערציילן, וואָס ס'טוט זיך. אויף איר איבערשטער שוואַרץ באַהאָרטער ליפּ איז געשטאַנען טראָפּנס אַנגסט שווייס ווי פּערעלעך. — מ'נעמט, — האָט זי צורודערט געזאָגט. — מען נעמט שוין. אין דער גמינע איז שוין דאָ אַ פּוילישע קאָמיסיע. מען נעמט אַלע יידן צו די זעלנער, יידן און רוטענער, גויים. פּוילישע זעלנער גייען אַרום אין יידישע שטיבער און שלעפּן אַוועק מאַנסבילן. איר מאַן מיטן זון האָט מען נישט גענומען, זי האָט געגעבן געלט. זי קען דעם עלטסטן. זי וועט אַרומגיין צונויפנעמען געלט ביי די יידן, און מען וועט „אָפּבעטן" די קאָמיסיע. האַ, סענדער, וויפיל זענט איר פאַרשוין? דו, דיין טאַטע און דיין ברודער יאָסל. דריי אירעם. וועסט געבן געלט? וויפיל גיסטו? — האָט רחל געזאָגט מיט איר ברייטן ניגון, און אויסגעשטעלט די האַנט צו נעמען.

— איך קאָן אייך געבן אַ קדחת — האָט איר סענדער בייז אָפּגעענטפערט און אַ טראַסק געטון מיט דער טיר. דער יונג האָט תיכּף פאַרשטאַנען, אַז רחל די שענקערין וועט שוין דאָ אָפּלעקן אַ ביינדל ביי דעם עסק. אָבער ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אַצינד צו קלערן וועגן דעם. ער איז גיך געלאָפן אַהיים. דער שניי האָט אים געשפּריצט פון די שטיוועל אין פּנים אַריין. אַ פאַרסאָפּעטער איז ער אַריין אין שטוב, צוגעלאָפן צום קופערט און אַרויסכאַפּנדיק די פּאַטשיילע פון דאָרט מיט דער איינגעבונדענער הגדה, וואָס ס'איז אין איר געווען זיין ביסל צעפּליקטע געלט פּאַפּירלעך, האָט ער גיך און פאַרטומעלט גענומען זוכן אין די ווינקלען אַן אָרט דאָס צו באַהאַלטן און צום סוף אין בעט, אונטערן שטרוי.

— נאַ דיר... אָט האָסטו דיר אַ נייע מעשה מיט אַ נייער צרה, מיט נייע זעלנער, — האָט סענדער שטיל אַ ברום געטון צו דער שטוב, מיט אַ וואָלקן פון בהלה אויף זיין אויסגעצויגן פּנים, וואָס ס'איז אַלעמאָל געוואָרן רויט און ווידער בלייך. ער האָט גיך געפּאַקט בעבעכעס, געבונדן פּעק אין אַלקערווינקל, גלייך ער וואָלט זיך געגרייט צו דער פלוכט ערגעץ. ער האָט געכאַפּט די שבת'דיקע מעשענע לייכטער מיט דער צעקראַכענער העסע, מיטן מעשענעם שטויסל און געהייסן זיין ברודער יאָסל נעמען דעם ריסקאַל און פאַרגראָבן די חפצים אין דרויסן אונטער דער וואַנט אַזוי ווי מען האָט



דאָס געטון דעמאָלט, אין אָנהויב פון דער עסטרייכישער מלחמה, ווען מ'איז געפליכטעט פונם שטעטל, איידער ס'זענען אַריין די קאָזאַקן.

די מנחם'קע האָט גענומען ברעכן די פינגער און קנייפּן די באַקן:

— ווי איז מיר, שוין ווידער... מ'הייבט שוין ווידער אָן פאַרגראָבן די בענטשלייכטער מיטן שטויסל. מ'האָט זיי דאָך ערשט אויסגעגראָבן. סענדער דערצייל נאָר וואָס ס'טוט זיך עפּעס אין שטעטל, וואָס שווייגסטו, דו ממזר, דו גזלן, רעד אַ וואָרט, מענטשן, מנחם, קינדער, כ'נעם שרייען געוואַלט!

זי האָט געוואָלט וויסן אַקוראַט ווער און וואָס און ווען. נאָר סענדער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, דווקא גאָרנישט געוואָלט דערציילן.

— שאַ, שאַ, מאַמע, דו רעד נאָר נישט קיין סך, ס'וועט שוין זיין גוט.

— האָט דער יונג ווי עפּעס צופרידן אַ רייב געטון די הענט מיט כּוח און געדרייט זיך אַ אויסגעגלייכטער, ווי אָנגעברייט די געוואַגטע מעשים. עפּעס אַ גלוסטיקער נייגיר פון נייעם געשען האָט אים פּלוצים אָנגעכאַפּט און צופינקלט די אויגן מיט אַ האָפערדיק גלאַנצל. מנחם האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשטערטן בליק:

— וואָס הייסט עפּעס דאָס? וואָס וועט שוין זיין גוט... ביזט דול געוואָרן, שונאי ציון, צי וואָס? בעסער זע עפּעס צו טון, אפשר גיין זיך ערגעץ באַהאַלטן. מ'דאַרף זען וואָס יידן טון. מיינסט אפנים אַז פון דיינע חכמות וועט מען געהאָלפן ווערן. מ'טאָר זיך נישט שפּילן מיט פייער.

מנחם האָט זיך געבייזערט אויפן זון, נאָר ער האָט עפּעס אויכעט נישט געוווּסט פאַרוואָס. ער האָט פּלוצים אָנגעטון זיין אַלט געלאַטעט פוטער אויף די פאַרטריקנטע ביינער, פאַרגאַרטלט דאָס מיט אַ שטריקל, אַראָפּגערוקט דאָס שפּעסענע היטל איבער די אויערן, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן ערגעץ אין ווייטן וועג אַריין אויף דער פלוכט און איילנדיק גענומען זיך פּאַרען מיט די טלימקעס אין שטובווינקל, געקראָכן מיט דער צעבראָכענער לייטער אויף דעם שניי־פאַרשאָטענעם בוידעם און געזוכט נאָך אַ זאַך. דערנאָך האָט דער ייד גענומען פּליאָנטערן עפּעס אַ פאַרקניפּטן בונט שטריק, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט צוליב וואָס ער באַדאַרף זיי האָבן אַצינד. ווי מיט עפּעס אַ זייער באַדעכטיקטער כּוונה האָט ער געצויגן און געריסן מיט די אויסגעצערטע קנעכערנע פינגער, געביסן מיט די ציין דעם האַרטן, פאַרהאַקטן קנויל שטריק אַז פון גרויס אָנשטרענג האָט נאָך שווערער געזעגט זיין צעקייכטער אָטעם, גלייך ער וואָלט בדעה געהאַט אַזוי אויפצופּלאָנטערן דעם גאַנצן וויסטן קניפּ פונם פאַרלוירענעם לעבן, מיד און אָפּהענטיק, ווי פון עפּעס אַ פיינלעכן טעות, איז ער באַלד שטיין געבליבן אינמיטן דרינען, געהויקערט און פאַרטראַכט, ווי פאַרזונקען אין טונקלען גליווער פון אַ שטומען צער וואָס האָט נישט קיין ברעג ווי דער אָפּגרונט. מנחם איז צוגעגאַנגען צום קרומלעכן פענצטער וואָס ס'איז געווען בלינד אָנגעפרוירן מיט דיקן פראָסט, ווי אָנגעוואַקסן מיט גרינלעך־גרויען שימעל און איינבויערנדיק דאָרט זיין

פאַרהוילענעם בליק פון די קאַליע אויגן האָט ער זיך שטיל אָנגערופן:

— יאָסל, ווו ביזטו ערגעץ? הער נאָר, מ'דאַרף בעסער עפּעס אָנגרייטן אַז ס'זאָל זיין צו דער האַנט, טאָמער מאַכט זיך עפּעס ביינאַכט, חלילה...

ברייטפּלייציק און שווער שווייגנדיק, מיט אַ שאַרפן שאָטן אויף זיין קנעכערנער נאָז, האָט יאָסל גענומען זיין סטאָליאַרשע האַק און זי אַוועקגעשטעלט, באַהאַלטן אונטערן אויוון־ווינקל, צוקאָפּנס פון זיין געלעגער.

(המשך קומט)

## מ. ווילענסקי

# חסידיזם אין דער ווירקלעכקייט

פאַרשידן זענען די מיינונגען וועגן חסידיזם. און געגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן זענען געזאָגט און געשריבן געוואָרן וועגן חסידיזם, פון איר ערשטן אַרויסטרעטן אַלס אַ באַוועגונג ביי אונז. פילע קוקן אויף איר אַלס אַ הייליקע אידעע, וועלכע האָט געראַטעוועט דאָס יידנטום און האָט אַריינגעגעבן לעבן און פרייד אין דעם צוטראָגענעם און פאַרדראָסיקן גוסס'ן פאָלק ישראל. און אַ צווייטער שטאַנדפּונקט זאָגט דעם מיינונג אַז דאָס איז פול מיט אַלעם בייז און מיט ווילדקייטן און נאַרישקייטן, מיט אַבער גלויבן, כישוף און בבא מעשיות — און די פאָרשטייער פון חסידיזם באַטראַכטן זיי אַלס פאַרברעכער, שווינדלער און באַטריגער. לעצטנס האָבן זיך געפונען אַזעלכע וועלכע האָבן ניט געגלויבט אַז חסידיזם איז דער לעצטער גואל ישראל, אָבער אין דער לעצטער צייט האָבן זיי פּרובירט צו פאַרענטפערן די נאַרישקייטן און זיי האָבן אַריינגעלעגט זייערע געדאַנקען אין חסידיזם וועלכע די מיסדי החסידות האָבן בשום אופן ניט געקענט האָבן. דער שרייבער פון דעם אַרטיקל געהערט ניט צו די דריי סעקטן. איך בין ווייט פון דעם געדאַנק צו באַטראַכטן חסידות אַלס עטוואָס הייליקעס, אַז זייערע געדאַנקען דאַרף בלייבן ביי אונז, פון פאַרצייטנס, אויף דור דורות. אָבער אין דער זעלבער צייט וואַרף איך ניט קיין שטיינער אויף די ארונות פון די ערשטע חסידים און איך שפּריץ ניט גיפט און גאַל אויף זייערע קברים, און איך וויל זוכן צו פאַרשטיין יענע צייטן, דאָס הייסט דעם געדאַנק גאַנג פון יענע צייטן, און פאַרטראַכטן זיך אין זייער וועלט פון מעשים, וואָס איז געטון געוואָרן ווילנדיק, וויסנדיק און אויך ניט ווילנדיק און ניט וויסנדיק, ד"ה וואָס טוט זיך אַליין מעשה גורר מעשה. אין אמתן בין איך ניט אין שטאַנד אין דעם קורצן אַרטיקל צו געבן אַ קלאָרן באַ־

* מיר דריקן גערן אָן די אַרבעט איבער „חסידיזם" פון דעם ליטווישן תלמיד חכם און געלערנטן, דעם לעקטאָר פון זשואיש קאַלעדזש מ. ווילענסקי כאָטש אונזער צוגאַנג צו דעם ענין איז פון אַ גאַנץ אַנדערע השקפה. ד.ר.



ריכט וועגן דעם. דאָס האָב איך געפּרובירט צו טון אין אַ באַזונדערן ספר. דאָ וויל איך בלויז איבערגעבן איין פראַגמענט, וואָס איך רעכן אַז ער פּאַסט גראַדע פאַר אונזער צייט — אַ צייט וואָס האָט שוין איבערגעלעבט די מלחמה פון רעליגיאָן, פון פאַנאַטיזם. און איז אויך ווייט פון אַבערגלויבן. אַ צייט פון שטודירן מער אָדער ווייניקער דעם כאַראַקטער, וואָס ווילן וויסן און פאַרשטיין אַז ווען עס איז געקומען די צייט פון השכלה אין פּוילן און גאַליציע, און עס האָבן זיך געפונען מענטשן וועלכע האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו אַזעלכע אַלטע מנהגים, וועלכע האָבן זיך איינגעוואָרצלט ביים פאָלק, וואָס אין יענער צייט האָט מען זיי פּיליכט געדאַרפט. אָבער אין זייער צייט וואָס זיי האָבן געלעבט האָבן זיי פאַרלוירן דעם זכות הקיום און זיי האָבן אָנגעהויבן מלחמה האַלטן מיט די אַלטע דעות. און צוזאַמען מיט די אַלטע מנהגים וואָס זיי האָבן גערופן נאַרישע האָבן זיי פאַרלאָזן די למודים וואָס דאָס פאָלק האָט געלערנט פון דורות לאַנג. און זיי האָבן געזוכט אַנדערע למודים, נייע וואָס עס איז זיי געקומען פון דרויסן — די השכלה.

האָט עס אַרויסגערופן אַ התנגדות פון די רבנים און אויך פון אַ גרויסן טייל פון פאָלק, ווייל די משכילים האָבן זיי ניט געגעבן אַ ענין מיט וואָס אָנצופילן די נשמה. די משכילים האָבן דאָס פאָלק ניט פאַרשטאַנען און די געגנער פון השכלה פון דער אַנדער זייט האָבן זיך ניט באַמיט זיך צוצופּאַסן צו דער צייט און זיין באַדערפעניש.

זיי, דאָס פאָלק, זענען ניט געווען צופרידן מיט די נייע תורות און זיי האָבן ניט פאַרלאָזן די ערציונג פון זייערע קינדער ווי עס האָט זיך געפירט אין די אַלטע צייטן. אָבער במעשה האָבן זיי, די משכילים ניט געשטערט. אין אַלע צייטן זענען געווען איינצעלנע מענטשן וועלכע זענען אַרויס געגען פאַרשידענע מנהגים און האָבן געפּריידיקט פאַר בילדונג. אָבער ווי באַלד דאָס האָט ניט אַרויסגערופן אַ בעוועגונג אין דעם פאָלק, האָבן זיי געשריען פאַר אַ צייט און זענען אַנטשוויגן געוואָרן. און די משכילים האָבן אויף דעם פאָלק קיין ווירקונג ניט געהאַט. און דאָס בלינדע פאָלק האָט געקוקט אויף משכילים ווי פאַרבלאָנדזשעטע. עס איז גענוג געווען אַז די רבנים האָבן געזאָגט אַז זיי זאָלן זייערע ביכער ניט לעזן, און זאָלן ניט גיין אין זייערע וועגן. און מיט דער צייט וואָלטן זיי זיך צוזאַמענגעשמאָלצן, ווי אין די אַלטע צייטן די עפּאָכע פון רמב"ם און אַנדערע. אָבער מיט דער תנועת החסידות איז געווען גאַנץ אַנדערש. דאָס איז געווען אַן ערנסטע באַוועגונג פון אינעווייניק, פון נפש העם. דאָס איז געווען איינע פון די זעלטענע תנועות, וואָס באַשאַפן אַ רעוואָלוציע אין אַ פאָלק און באַקומט אַ פאָלקס כוח. וואָס האָט געקענט ערוואַרטן אַן אומגעווינלעכע צוקונפט ווען זי וואָלט ניט אויפגעוועקט פון איר ערשטן אַרויסגאַנג.

השכלה און חסידות זענען צוויי געגנשטענדיקע תנועות וואָס אַ פּשרה איז אוממעגלעך. יעדער פאַר זיך. האָט ניט געקענט נאָכגעבן אפילו כקוצו של יוד. און דאָס האָט געבראַכט זיי צו אַ קנאות פון קורצזיכטיקייט ניט צו זען די מעלות איינע פון דער צווייטער. און אויך זייערע וועגן צו קומען צו זייער ציל

האט געמוזט זיין פארשידן. די השכלה איז געווען א שטרעבונג פון די אריסטאָקראַטן וואָס זיי זענען געווען זער ווייניק, און זיי האָבן געזוכט צו משפיע זיין די מאסן. דאס איז נאַטירלעך מעגלעך געווען, נור לאַנגזאַם, ביי ענטוויקלונג און אויפקלערונג וואס עס ווערט ניט געטון בחפזון אין אלע צייטן, ווען אַפילו זיי געפינען פאר זיך אַ געגנזייטיקע מלחמה פון אַ אַנדער תנועה, וואָס איז פאזיטיוו געגן זיי, איז אויך זייער וועג פון ענטוויקלען דאס פאלק פול מיט ליידן און דערנער, ווארים דאס פאלק שעצט ניט קיין נייע אידעעס פון דעם וועקער פון פאָלק. פיל מאָל איז ער זיך מיאש און אים שרעקן אָפּ די ליידן און ער ווערט שטיל, — און ווער רעדט נאָך אז ער קריגט אַ באַלוינונג פאר זיין אנטוויקלונג ביי אנדערע פעלקער — דאן זאגט ער זיך אָפּ פון זיין פאלק און מאנכעס מאל ווערט ער א שונא און פארלוימדער פון זיין אייגענע פאלק.

חסידות איז געווען אַ פאָלקס אינסטינקטיווע שטרעבונג וואָס האָט געשטראַמט פון דער גאנצער פאָלקס נשמה. דאס איז ארויס מיט א געניאַלן כוח געגן די פירער, די רבנים פון דאָס פאָלק, פון וועלכע זיי זיינען שוין פון לאַנגע צייטן ניט געווען צופרידן, און אז די אונצופרידנקייט האָט אויסגעבראָכן איז דאָס געווען ווי אַ פארפלייצונג פון אים, וואָס די זאָגענאַנטע פירער האָבן ניט געקענט אָפּהאַלטן. יאָ, די רבנים האָבן געפּרובט זיי שטערן, אָבער אַ פאַרעקשנ׳טן פאָלקס כוח קען מען ניט אונטערברעכן. אדרבה, יעדער שטערונג שטאַרקט זיי מער, און זיי זענען זיכער צו זיגן. יאָ, די לומדים פרנסים זענען ארויס מיט זייער גאנצן און ניט געראַטענעם כוח מיט חרמים, מיט פיינשאַפט און שאַנד. הגם צווישן זיי איז אויך געווען לומדישע און לאָגישע ארגומענטן.

אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. אַ פאָלקס באַוועגונג האָט ניט מורא פאר סטראַשונקעס און הערט זיך ניט איין צו לאָגישע ארגומענטן. אין אמתן געפינען מיר אַ זכות אויף די גדולי הדור וואָס זענען געווען מתנגדים צו שיטת החסידות. מען דאַרף ניט פארגעסן אז דאָס איז געווען נאָך שבתי צבי און אנדערע, וואָס האָט צושווינדערט דעם יידנטום און אין דער גאנצער יענער תקופה זענען געווען פיל פארשידענע תנועות, וואָס האָבן געבראַכט אויף דאָס פאָלק אַ מין קדחת. — מען האָט געוואַרט אויף אַ גאולה און זי איז ניט געקומען מען איז געוואָרן ענטוישט.

און דעריבער האָבן זיך די גדולי הדור זער געשראָקן און זענען געווען גאנץ ערנסט אין זייער מיינונג פונקט אַזוי ווי דער ווילנער גאון און זיינע נאָכפאָלגער, — און זענען ארויס מיט אַ פאַרוואָרף און ברודיקע ווערטער, אז די תנועת החסידות איז געגן דער תורה און עס איז דאן געשריבן געוואָרן געראָטענע און נישט געראָטענע ארגומענטן צו אונטערברעכן די פאָלקס באַוועגונג. עס איז צו באמערקן יעצט נאָך אין דער היינטיקער צייט, נאָך איבערלעבן די יענע תקופה, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות; חסידות איז ניט געקומען צו מבטל זיין די תורה און זיך דערווייטערן פון פאָלק ישראל. און וויפיל די מנהיגי הקהלות האָבן זיך באַמיט זיי דערווייטערן מיט זייער גאנצן כוח, איז עס זיי אָבער ניט געלונגען זי אַרויסטרייבן פון פאָלק ישראל. ווי זיי האָבן



פאַרוואָרפן די פראנקיסטן, ווייל זיי האָבן אָנגענומען דעם מוסר היהדות און זענען געווען זער באַשיידן פון דעם מאָראַלישן זינען. מען מוז צוגעבן פאר געוויס אז אין פילע הינזיכטן זענען זיי געשטאַנען העכער ווי די מתנגדים. פארשטייט זיך, אז תנועת החסידות האט געהאט פילע גורמים וועלכע זענען פאַרבאָרגן פון אונזער צייט. אָבער וואָס עס זאָל ניט זיין זענען זיי געקומען פון א ריינעם רגש דתי. די מנהיגי החסידות האבן געוואלט אז זייערע אָנהענגער זאָלן זיין גוט און פרום, און מען קען זיי ניט פארגלייכן צו די רעפאָרמער פון ניינצנטן יאָרהונדערט וואָס זיי האָט געפעלט דער רגש הדת, ווען זייער גאנצע שטרעבונג איז געווען צו פארגרינגערן דעם יאָך פון דת. דעריבער האט זיי ניט געגאלטן אריינדרינגען אין די רעליגיעזע פאלק מאסן. חסידות איז ניט געקומען פארגרינגערן דעם יאָך פון דת, מבטל זיין די מעשים און געבן זיי אבסטראַקטע אידעעס. זי האט נור געמיינט צו ריינִיקן דעם אויר פון פילע מזיקים, אַראָפּוואָרפן די ממשלה פון די לומדים תורה שלא לשמה, וואָס האבן געמאכט די תורה עטרה להתגדל בה, וואס האבן געטראָטן מיט זייערע פיס די עמי הארץ, די פשוטע בעלי מלאכה און האָבן ניט זוכה געווען צו לערנען תורה. דערביי מוז איך אויפמערקזאם מאכן אז איך מיין ניט חלילה צו באַשולדיקן די אלע לומדים און פרנסים. ס׳איז קלאר אז עס האבן זיך געפונען לומדים וואָס האָבן זיך געפירט מיט ענוה וצניעות, און פרנסים וואָס האבן עוסק געווען אין צרכי צבור באמונה ולשם שמים, אין דור שכלו חייב.

נאַטירלעך, דאָס פאָלק האָט געשעצט די תורה און אירע לומדים און זענען געקומען די לומדים און האָבן זיך געמאכט אַ כתר, און אראָפּגעקוקט אויף די יעניקע פשוטע יידן. מיר זענען דאן געווען א גוי בקרב גוי און מען האט געמוזט האָבן פירער פון קהלות. זענען געקומען פרנסים און האָבן געהערשט מיט תקיפות און עריצות, און זיי האָבן געדריקט דאָס פאָלק וואָס האָט ניט געקענט ביישטיין. און חוץ דעם עס האָט אויך געפעלט גייסטלעכע שפייז. די לומדים האָבן זיך געמאטערט מיט פילפולים. דאָס פאָלק האָט פון זיי ניט געהערט אַ זאַך וואָס זאָל זיי זעטיקן פון זייער הונגער לדבר ה׳, זייערע פלפולים און דרשות פון יענע צייטן זענען געווען שאַרפע, אָדער דרשות וועגן דברים שלא ראו לעולם. אויך האָבן זיי געמאכט אַ מורא פון דער צווייטער וועלט. אַזוי ווי עס איז ניט גענוג די צרות וואָס זיי ליידן האט מען זיי געמאכט שבעה מדורי גהנום און האבן געהערט אלערליי באַליידיגונגען, און וואָס פאר אַ טעם קען מען פילן אין אזא לעבן מיט אזא צוקונפט. דאן האָט מען געגלויבט אַ מגיד, ער זאָגט אַזוי גוט, אַז קיינער פארשטייט אים ניט, דעריבער קען מען זיך פארשטעלן וואס פאר א ארדענונג אזעלכע מענטשן קענען ברענגען צווישן דעם פאלק. ניין, דאס האט ניט געקענט אָנגיין. עס האָט געמוזט אויסברעכן און עס איז געקומען די באַוועגונג פון חסידות און האט געגעבן דעם פאלק אַן אינהאלט, א יידישן אינהאלט, און געגעבן אַן עצה דעם פראָסטן יידן ווי זיך צו פירן. די מנהגים האָבן זיי ניט אנגערירט. זיי האבן די תורה ניט מחלל געווען. זיי האבן ניט פארנייגט

די מצוות. זיי האָבן געגעבן עפּעס פּאָזיטיוועס, מער ווי שאַרפקייט פון פּלפּולים און דרשות, און דאָס האָט צוגעצויגן דאָס פאָלק. יאָ, דעם פשוטן מענטש איז אוממעגלעך צו לערנען תורה און זיך מפלפל זיין אָבער ער קען דאַוונען. זיי האָבן אוועקגעשטעלט תפלה בכונה. אין יענע צייטן איז תפלה ניט געשטאַנען אויף אַ גרויסע מדרגה. די לומדים אַליין האָבן מזלזל געווען אין תפילה, זיי האָבן געהאַלטן: העוסק בתורה פטור מן התפלה. זיי האָבן געדאַוונט אַלס אַ מצוה. זענען געקומען די חסידים און האָבן פאַרשטאַרקט תפלת ישראל, — זיי האָבן אין דעם געהאַט אַ דעמאָקראַטישן און אַ פאָלקס זין, לערנען און זיך מפלפל זיין לאו כל אדם זוכה. אָבער מתפלל זיין מיט כוונה איז מעגלעך פאַר יעדער מענטשן. אַ ייד וואָס דאַוונט מיט כוונה איז אַזוי גוט ווי אַ למדן וואָס לערנט תורה און נאָך בעסער. אויך האָבן זיי אַריינגעבראַכט שמחה ביי יידן און אחדות. תפלה: עבודה שבלב וואָס חסידות האָט געשטעלט פאַר איינעם דעם גרעסטן עיקר אין יידנטום און האָבן מקיים געווען אין פולן זין דעם פסוק עבדו את ה׳ בשמחה. און ביי דעם ליכט פון אַזאַ אידעע האָט געקענט ליכטיק ווערן דאָס לעבן און אויפהויבן עבודת ה׳ צו דעם שטאַפּל פון אַן אמתע ליבע ובטחון עבודת ה׳ מתוך אהבה ניט מתוך יראה. — און דער עובד ה׳ דאַרף ניט קומען צו בעטן מיט פחד און בכיות ווייל ה׳ האָט ליב שמחה. — אָבער די שמחה האָט זיך אַנטוויקלט אין פיבערהאַפטן און אַלקאָהאָליש אומגעזונטן פאַרלאַנג. זיי האָבן איבערגעטריבן די שמחה מיט גשמיותדיקע מיטלען, זיי זענען געקומען צו זייער חסידים שטיבלעך אָנגעטרונקענע און האָבן געטאַנצט משוגענע טענץ און געזונגען אומגעלומפּערטע נגונים.

נאָך אַ מעלה האָט חסידות געבראַכט. זי האָט מבטל געווען די מעמדות. עס איז ניט געווען גרעסער צי קלענער, אויך האָבן זיי געשטיצט איינע די אַנדערע. אחדות איז געווען ביי זיי מער ווי ביי מתנגדים, און אָט דאָס איז די סבה וואָס די מתנגדים האָבן זיך סוף כל סוף אונטערגעגעבן, און יד חסידות על העליונה. — ווען חסידות וואָלט געבליבן ביי אירע ערשטע יסודות, וואָלט זי פיל משפיע געווען לטובה און האָט געקענט רייניקן יהדות פון אַ סך צוגעוואַקסענע מנהגים פון גלות. זי האָט געשטעלט אַלעס אויף אמונה, וצדיק באמונתו יחיה, און וואָלט אַרויסגעטריבן די מרה שחורהדיקע אידעע פון מתנגדים. אָבער פון אמונה האָבן זיי אַריינגעדרונגען אין זייער נשמה אמונת הצדיקים. דאָס איז ניט קיין יידישער יסוד, אַז מען מוז האָבן אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש און די צדיקים זענען די פאַרמיטלער. ביי די קריסטן איז געווען איין פאַרמיטלער און ביי די חסידים איז באַשאַפן געוואָרן פילע פאַרמיטלער. און פילע חסידים האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די עול המצות און אחריות און האָבן זיך פאַרלאָזן אויפן צדיק און מיט אַ פדיון וועלן זיי אָפּקומען און אַרויס ריין פון זייערע חטאים און פון דעם האָט קיין גוטס ניט געקענט אַרויסקומען און חסידות האָט פאַרלוירן איר וויכטיקייט. עס איז געוואָרן מיסטיש, אָבערגלויבערישער חסידיזם, געגן די אמתע לערער פון אונזער



תורה וואָס האָט געריייניקט דאָס פאָלק פון מיסטישע געדאַנקען און פון אָבערגלויבן. יהדות האָט אין אַלע צייטן מלחמה געהאַלטן מיט די פאָלקס אמונות אין כשוף, שדים רוחות. — און איר געפינט אין חסידות די אמונת הגלגולים פון אַרויסטרייבן אַ דבוק אַ גלגול וכדי בזיון וקצף. געוויינלעך אין אַזאַ צייט ווען אַ פאָלק זינקט און גלויבט אין אַזעלכע נאַרישקייטן געפינען זיך שווינדלער און קאָפּ פאַרדרייער, וואָס נוצן אויס די געלעגנהייט כדי אָפּצולעקן אַ ביינדל פון אַזאַ נאַרישע פאָלק.

עס איז צו באַוואונדערן אַז דאָס האָט געטראָפן דווקא אין דער צייט ווען די השכלה האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן ביי מאַנכע יידן. און די משכילים האָבן פיל מלחמה געהאַלטן מיט חסידיזם. אָבער זייער מלחמה איז געווען אַ מלחמת הגנה, ווייל די חסידים האָבן די משכילים געיאָגט און געפּלאָגט. די לומדים און מתנגדים, האָבן זיי במעשה ניט געיאָגט. פאַרקערט ביסלעכווייז האָבן זיי אויך אַ פּשרה געמאַכט. אָבער די חסידים האָבן געפונען די משכילים זענען אַ מחאה געגן חסידות. אַפילו אַזאַ שטילער מענטש און דענקער ווי ר׳ נחמן קראָכמאַל אָדער ר׳ שלמה יהודה ראַפּאַפּאָרט זענען געווען געיאָגט פון חסידים. אַ טיפער אינערלעכער קאָנפליקט איז געווען צווישן חסידות און השכלה, וואָס האָבן זיך ניט געקענט בשום אופן צופּאַסן איינע מיט די צווייטע.

(דער צווייטער פּרק וועט נאָכפאָלגן).

## אליהו פאלושאק

## „אין אייראָפּע און ביי אונדז אונטערן אויוון"

(צו דער 34־סטער יאָרצייט פון י. ל. פרץ)

2.

די פאַראַרימונג פון די יידישע מאַסן אין פּוילן און ליטע האָט זיך מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אָנגעהויבן נאָך דעם צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד און אין דער צייט פון דער פּויערן־באַפרייאונג (ווי באַקאַנט איז די לייבאייגנשאַפט די פּאַנשטשיזנע, אין פּוילן געוואָרן אָפּגעשאַפט צוויי יאָר שפּעטער, ווי אין גרויס־רוסלאַנד און אוקראַינע, אינם יאָר 1863). זייענדיק כלומרשט פריי, אָבער אָן לאַנד, אָדער באַזיצנדיק נאָר קליינע פּאַרצעלעס אַקערבאָדן, וואָס האָבן נישט געבראַנגט גענוג חיונה, האָבן גרויסע מאַסן פּויערן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די דערפער און זיינען געצויגן אין די שטעט און שטעטלעך. עס איז דער אָנהייב און גרינדונגס־צייט פון אַ נאַציאָנאַל־פּוילישן בירגערשטאַנד און אַרבעטער־קלאַס, וועלכער, אַמאָל זעלבסטשטענדיק און אַמאָל געאייניקט, טרעטן אַרויס אַלס וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אינעם תחום המושב, וואו יידן האָבן אַמאָל באַהערשט פעסטע פּאָזיציעס אין האַנדל און מלאכה.

אין דער סטאטיסטישער עקספעדיציע איבער פוילישע שטעט און שטעטלעך, וואס איז געווארן פאראנשטאלטעט אין די יארן 1890־1889 פון ווארשעווער אסימילאטארן־פילאנטראפן מיט דער מיטווירקונג פון א גרופע יידישע אידעאליסטן־אינטעלעגענטן און סטודענטן, האט אויך פרץ גענומען א שטארקן אקטיוון אנטייל. די וואכעדיקע זייט פונעם פארהארעוועטן ארימען יידישן מענטש און שטעטל האט זיך פאר אים, דעם שוין באקאנטן יידישן שרייבער, אנטפלעקט. די ביי דער דאזיקער עקספעדיציע געמאכטע אנטדעקונגען האט ער סומירט אין זיינע פאר ליטעראטור און געשיכטע באדייטונגספולע „רייזע־בילדער“. אין קורצע שטריכן, פול מיט ווארימקייט און ליבע און מרה שחורה־דיקן אונטערטאן, שילדערט אונדז פרץ די ענגשאפט, פארארימונג און האפנונגסלאזיקייט פון די יידישע מאסן אינם דאמאלדיקן רוסיש־פוילן. ער זעט אין זיי מאטע, גרינע, בלאסע, פארקרומטע צורות. זעלטן איינע שמייכלט, זעלטן איינע מיט אַ חן־גריבל... אלע מענער אזוי ווייניק מעניש. אזוי גולמעוואטע אלע ווייבלעך מיט פארטריפטע אויגן, טראגנדיק אדער א מילטער אויבס, א זאק ציבעלעס, אדער א פרישן „אתה בחרתנו“ מיט א זאק ציבעלעס צוזאמען“. („רייזע־בילדער“ פון י. ל. פרץ). און מען קען מיט באשטימטקייט אננעמען, אז דאמאלס שוין איז אים ארויסגעשפראצט דער פשוטער אבער זייער וויכטיקער געדאנק פון זיין שפעטערער אפהאנדלונג „בילדונג“, אז דאס „וויכטיקסטע איז, אז יידן זאלן האבן פרנסה“.

די פאַגראָמען אין די 80־ער יאָרן, דער דרייפוס־פראָצעס און זיין אָפּקלאנג אויף דער יידישער און נישט־יידישער גאס ברענגט צו א דערשטארקונג פונם יידיש־נאציאנאלן געדאנק און דעם געבוירן־ווערן פונם פאליטישן און סאציאל־עקאנאמישן אנטיסעמיטיזם. די יידן־פראגע הייבט אן צו ווערן אנ׳אייראפעיאיש פראבלעם, אַ וועלט־פראבלעם. עס איז אויך די געבורטס־שעה פונעם פאליטישן ציוניזם, דאמאלס, א געמיש פון מערב־אייראפעיאישער יידישער פילאנטראפיע, משיחישער ראמאנטיק, אידעאליסטישן פיאנירטום און נאציאנאל־סעקולארער חבת ציון. און אין דערזעלבער צייט, ווען ביי אונז, אין דער טשערטא, הינטערן אויוון, זיינען יידישע ארימקייט, רעכטלאזיקייט, דחקות און נויט געווארן זעלבסטפארשטענדלעכע לעבענס־דערשיינונגען, האבן דרויסן אין אייראפע שוין געבושעוועט די גרויסע סאציאלע קאמפן. עס זיינען די גלאריע־צייטן פון די גרויסע ארבעטער־און סאציאליסטישע באוועגונגען מיט זייערע פעסט־געבויטע עקאנאמישע און פאליטישע ארגאניזאציעס; די פראפעסיאנעלע פאראיינען (טריידס־יוניאנס, סינדיקאטן) און סאציאליסטישע מאסן־פארטייען. אויף די בארימטע קאנגרעסן פונעם צווייטן אינטערנאציאל זיינען נעבן אנדערע באשלוסן: עקאנאמישע פארבעסערונגען לטובת דעם ארבעטער־קלאס, אכט־שעה׳דיקער ארבעטס־טאג, סאציאל־פארזיכערונג וכדומה, אויך באשטימט געוואָרן צו קעמפן קעגן דער פינצטערער מאכט פונעם צאריזם און פאר דער באפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער.

דער קאמף, וואס האט זיך אפגעשפילט אין אייראפע אפען, האט זיך אפ־



געשפיגלט אינעם צאריסטישן רוסלאנד און אין רוסיש־פוילן קאנספיראטיוו, געהיים. אין דערזעלבער צייט פונעם געבוירן־ווערן פון דעם פאליטישן ציוניזם, ווען הערצל האט אנגעהויבן צו קלאפן אן די טירן פון די אייראפעיאישע דיפלאמאטן, האט זיך אנגעהויבן די אונטערערדישע באוועגונג און ארגאניזירונג פון די „ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט“ אויף דער יידישער גאס. סאציאליזם ביי יידן האט אויפגעהערט צו זיין אנ׳אידעאל פאר יחידים. עס איז געקומען דער „בונד“ און אנדערע ווייניקער באדייטענדע סאציאליסטישע און פסעוודא־סאציאליסטישע פארטייען און גרופירונגען, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען „ביי אונדז אונטערן אויוון“ אויפצווועקן די מאסן, זיי אויפצוקלערן און אומצושמעלצן אלס קאמף־פעאיקער כח קעגן דער צאריסטיש־דעספאטישער מאכט, פאר פרייהייט, גלייכהייט און רעכט.

מיר ווייסן, אז דער ציוניזם אין זיינע קינדער־שיכעלעך איז געווען רעקרוטירט פון א גרופע יחידים אינטעלעקטואלן, אקאדעמיקער, שתדלנים, אידעאליסטן, גרויס־סוחרים, זעלבסט־נאמינירטע כלל־טוער און פילאנטראפן, וואס האבן נישט קאמאנדירט איבער גרויסע פאלקס־מאסן. זיי האבן געזען די נויט פון די מאסן, און האבן געגלייבט צו קענען באהערשן דאס פאלק מיט דעם סענטימענט פון אייביק־יידישער משיח־בענקשאפט; ציוניזם איז דאמאלס געווען מער פילאנטראפיע, רחמנות־יזם ווי רעאליטעט, און האט ארומגענומען גור קליינע שיכטן פונעם קליינבירגערטום. זייער ענדציל איז טאקי געווען דאס „הימלאנד“ — ארץ ישראל. אבער זיי זיינען געווען ארים אין א קעגנסווארט־פראגראם פאר אט־א־די מאסן, ביי וועמען די שול און דער בית המדרש האבן אויפגעהערט צו זיין מקור, אינהאלט און אנהאלט אין זייער נאציאנאלער עקזיסטענץ. זיי, די ציונים פון דאמאלס, האבן געהאט אַ מאקסימום־פראגראם פאר א ווייטער דיסטאנטירטער צוקונפט, דעם „יודנשטאט“, אבער ליידיקע הענט פאר דער לייזונג פון דער הערשענדער סאציאלער, עקאנאמישער, נאציאנאלער און גייסטיקער נויט. זיי האבן געהאט אַן אפנויגונג, ווען נישט שנאה, צו יידיש־לשון, יידישער ליטעראטור און נאציאנאל־קולטורעלע באשטרעבונגען*. זיי האבן נישט געהאט אי נישט קיין פאליטיש פראָגראַם, אי נישט קיין קולטור־פראָגראַם פאר דאָ, פאר דעם גלות. און דעריבער איז זייער ווערט און השפעה אינעם קאמף מיט דער ארומיקער פיינטלעכער וועלט פון נאציאנאלער און סאציאלער רעאקציע (אינעם צאריסטישן רוסלאנד און ענדעקישן פוילן) נישט געווען ווערטפולער, ווי דער קאמף־ווערט פון דער אסימילאציע און ארטאדאקסיע, וועלכע זיינען אין אלגעמיין־מלוכה׳שע פראגן (בעיקר ביי וואלן) אפט געגאנגען האנט אין האנט.

דערמאנט אונדז דאך פרץ אין זיין אויפזאץ „ד״ר נוסבוים“ דעם אמאליקן מאשקע מה־יפית, וואס האט פאר דעם פריץ „געבויגן דעם קארק, צו די פיס זיך געבוקט און די שפיץ־פינגער געקושט“. שפעטער איז ער געווארן דער פאן מאריץ, וואס זיצט שוין אין דער קנייפע, אין דער קרעטשמע, אינם

* אין גלות.

וואגאן, „און דער יינגערער פריץ שיט מעשה־אבות, די זעלבע פעק און סמאלע אויף כל־ישראל“. דער אמאליקער מאשקע, דער היינטיקער פאן מאריץ, שלינגט אראפ בשתיקה אלע די באשולדיקונגען און בשעת א וואל־קאמפאניע דינט ער דעם פריץ מיטן גאנצן צאפלדיקן מה־יפית־הארץ.

ווען עס קומט צו דעם אידייען־קאמף אינעם אינערלעכן יידישן לעבן, שטעלט פרץ נאטירלעך די טעזע פון נאציאנאליטעט העכער ווי די אנטי־טעזע פון אסימילאציע. „...שטעלט זיך מיר אנטקעגן אנ׳אסימילאטאר און א ציוניסט, זאג איך נישט: וואר און נישט וואר, נאר: די אידעאלן פון אנ׳אסימילאטאר זיינען נידריקער און אונעטישער אלס די אידעאלן פון א ציוניסט. דאס פארלייקענען אדער פארניכטן פון אייגענע נאציאנאליטעט, אונטער־ווארפנדיק זיך אונטער אנדערע נאציאנאליטעטן, — דאס איז קנעכטשאפט“. („נאציאנאליזם און ציוניזם“ פון י. ל. פרץ).

פרץ׳עס מיינונג איז, אז דער ציוניזם שטייט העכער פון אסימילאציע, ווייל ער אנערקענט די נאציאנאליטעט. אבער דאס שטרעבן צו דער פאר־ווירקליכונג פון א פאטערלאנדס־אידעאל, וואס איז נישט מער (לויט זיין השגה), ווי א היסטאריש־עקאנאמישע באזיץ־פראגע, איז שוין צו אלט פאר אים. ווערטלעך זעצט ער פארט: „ווען איינער פארלייקענט די יידישע נאציאנאליטעט און דער צווייטער וויל זי שיצן, איז מיר, נאטירלעך, דער צווייטער סימפאטישער, אבער איך פיל, אז מיר זיינען מער, ווי א פאלק. פעלקער זיינען אמאלגאמאטן, צוזאמענגעשמאלצענע אין טיגל פון היסטאריש־עקאנאמישע פאקטארן. מיר זיינען ריין, — א פאמיליען־פאלק. מיר האבן געקענט דעריבער פיל נאציאנאלער ווערן נאכן פארלירן פון לאנד און שפראך. די רעטונגס־־מיטל וואקסן מיט דער געפאר. מיר זיינען אין גלות פאראייניקטער און פארשמאלצענער געווארן אלס אין פאלעסטינע. מיר זיינען א פראדוקט, אדער בעסער געזאגט, א פארקערפערונג פון א געוויסער וועלט־אנשויאונג, פון א געוויסער נאציאנאל־פערזענלעכע ווארהייט. און אסימילירט וועלן מיר אויסערלעך ערשט ווערן דעמאלט, ווען די ארומיקע פעלקער וועלן ווערן אינערלעך באזיגט“.

פאר דעם, וואס באזיצט געניג היסטארישע דענקונגס־ ארט און השגה, איז לייכט צו פארשטיין די הויכע מענטשלעכקייט און טיפע עטיק פון די דא ציטירטע געדאנקען. אז די רעטונגס־מיטל זיינען געוואקסן מיט דער געפאר, באווייזן אונדז אין דער לעצטער עפאכע די ניי־געגרינדעטע יידישע ישובים מעבר לים: אין ביידע אמעריקאס, דרום־אפריקא און אויסטראליע. דאס אנט־שטיין פונעם גרויסן לעבעדיקן ישוב אין ארץ ישראל אין די לעצטע דריי דעקאדן איז א באזונדער קאפיטל פאר זיך. דאס איז אנ׳איינמאליקע גראנדיאזע נאציאנאלע און סאציאלע רעוואלוציע, וואס שטייט ערשט ביי איר אנהייב. ווער ווייסט וועמענס אויפקום און פארנעם אינעם איצטיקן אימפעט עס האבן נישט פאר־אויסגעזען און פאראויסגעפילט די גרעסטע בעלי־חלומות און רעאליסטישע פאליטיקער וואס זיינען געשטאנען ביים וויגל פון שיבת ציון און דעם פאלי־טישן ציוניזם.

(סוף קומט)






יענקל אדלער׳ס „דער כהן“

דער פלוצלינג טויט פון יענקל אדלער, דעם 26־טן אפריל, האט אויף אונז אלעמען דא, זיינע באנטע באקאנטע און פריינט געמאכט א דערשיטערנ־דיקן איינדרוק. מיר גרייטן צו פארן קומענדיקן נומער איינציקע רעפראדוקציעס פון זיינע לעצטע ארבייטן און אויך איינציקע ארטיקלען פון פריינט און קאלעגן.

# אַ בריוו פון משה עובד פון ניו יאָרק

מיין ליבער שטענצל,

יעדן טאָג דענק איך וועגן אייך און אונזער אַרבייט. יעדן טאָג דערמאַנען מיך אויך דאָ שרייבער. „נו, וואָס מאַכט שטענצל?״ און איך וויל יעדן טאָג זיך אָוועקזעצן און אייך שרייבן בריוו און פאַר „לשון און לעבן״ אַ „זאַך״. אָבער דאָס לעבן איז דאָ אַזוי רעשיק און פּלייצענד אַז איך געפין ניט קיין רואיקע שעה. איר וועט מיר גלויבן אַז איך האָב זיך נאָך ניט געלייגט שלאָפן פאַר 12, און פאַר זעקס פרי וועקט די שטאָט אויף. די רעדער צומאַלען דעם באַליבטסטן שלאָף מיט די שענסטע חלומות אין אים. און די ווירקלעכקייט ווי אַ קאָשמאַר שטייט דיר פאַר די אויגן און קלאַפּט אין מוח. איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן בילדלעך פאַר „לשון און לעבן״ אָבער זיי וועלן מוזן קומען אין קומענדע חדשים, זיי מוזן ערשט רייף ווערן אין מיר.

דערווייל שיק איך אייך אַ שטיקעלע רעדע, וואָס איך האָב נעכטן געהאַלטן אויף דער יידישער ראַדיאָ. נאָר איך בעט אייך זייט ניט צו באַשיידן און נעמט ניט אַרויס אייער נאָמען. לאָזט עס דרוקן אַזוי ווי עס איז. איר האָט עס כשר פאַרדינט.

איך האָב דערהאַלטן דעם אַפּריל נומער און אַלעס געלעזן מיט אינטערעס. איך קלער אַ סך וועגן די חברים און מיט דער מחשבה שרייב איך צו יעדן, צו די ביטשעס, גאָלדבערגס, פּאָלושאַקס, מ. כהן, רובינס און דאָראַ פרוי מייזעל א.א.וו. צו יעדן שרייב איך בריוולעך ווייכע אונזעבאַרע ווי די כנפי השכינה.

אָבער צו דערציילן וועל איך אייך אַלע האָבן גאַנצע בערג. מיך פרייט דאָס וואָס איך בין אַהער געקומען אָבער ס׳בענקט זיך נאָך לאָנדאָנער רו, נאָך די אײדעלע מענטשן און נאָך מיין ליים און קונים ווי ליים! וואָס בענקען נאָך מיר.

זייט נאָר געזונט און גייט אָן מיט אייער גרויסער אַרבייט און געזאַנג.

אייערער,

משה עובד.

## משה עובד
## ראַדיאָ־רעדע
שבת, דעם 16־טן אַפּריל

איך וויל דאָ רעדן בלויז איבער צוויי צווייגן פון יידישן קולטור־לעבן אין לאָנדאָן. ביידע צווייגן ברענגען גוטע פּירות און עס לוינט זיך ניט נאָר איבער זיי צו רעדן, נאָר אויך צו מאַכן אַ ברכה און בענטשן מיט מזומן!...

דער ערשטער פּרוכטבאַרער צווייג איז דער יידישער קונסט־פאַריין „בן־



אורי״. דער פאַריין איז געוואָרן געגרינדעט אין לאָנדאָן מיט 34 יאָר צוריק, און נאָך אַ סך יאָרן מוטשעניש, מער ווי איין מאָל האָט שוין זיין לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר. אָבער איצט איז ער אַ פעסטער, געזונטער צווייג באַוואַקסן מיט יונגע בליענדיקע קינסטלער. אַ צווייג וואָס וואַרט ניט אויף פרילינג. ער בליט אַ גאַנץ יאָר מיט אויסשטעלונגען, און מען הערט דאָרט עכטע קינסטלער פון וואָרט פון געזאַנג און פון מוזיק.

דער קונסט־פאַריין „בן־אורי האָט זיין אייגן הויז מיט זיין אייגענער קאָלעקציע פון בילדער און סקולפּטורן, וואָס באַשיינען יעדן צימער.

די ערשטע יאָרן זענען געווען קריטיש. ניט געקראָגן קיין שטיצע און אייביק געוואַקלט אויף די פיס. אָבער איצט איז פאַרזיכערט זיין קיום. אָרעמע האָראָפּאַשניקעס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון „בן־אורי״, און איצט איז ער אַ קרוין פון שטאָלץ פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

דער צווייטער בליענדער צווייג איז דער פאַריין „די פריינד פון יידיש לשון״ געשאַפן און געפלעגט פון דעם ענטוזיאַסט און דיכטער א. נ. שטענצל. אני הקטן האָב איך דעם כבוד צו זיין דער פּרעזידענט. דער פאַריין גיט אַרויס רעגולער אַ חודש זשורנאַל. ער הייסט „לשון און לעבן״. יעדן שבת האָבן מיר אַ ליטעראַרישן נאָכמיטאָג אין האַרץ פון ווייטשעפּל. אמת, עס קומט ווייניק יוגנט, די זעלבע קלאָג וואָס ביי אייך דאָ אין ניו יאָרק. אָבער מיר טרייסטן זיך דערמיט, וואָס מיר האַלטן אויף דעם יוגנט־גייסט אין די עלטערע, ווייל נאָך אַלעם וואָס איז דען די מיסיע פון קונסט און קולטור אויב ניט וועקן יונגטלעכקייט און ניט לאָזן די נשמה וועלקן.

אינטערעסאַנט איז דאָס וואָס די טעטיקייט פון פאַריין גייט אָן פּינקטלעך און רעגולער. באַמבעס און ראַקעטן האָבן אונדז ניט איבערשראָקן. ס׳זאָלן אַפילו פאַלן אַטאָם באַמבעס וועט זיך דער דיכטער שטענצל ניט אונטערוואַרפן. זיין ווילן און איבערגעבנקייט אינספּירירן זיינע אַלע מיטאַרבעטער.

אמת, לאָנדאָן איז ניט קיין וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער. אָבער איין זאַך מוז יעדער מודה זיין, אַז אין לאָנדאָן האָבן זיך אין די לעצטע הונדערט יאָר אַנטוויקלט גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער חתימה אויף דעם קינסטלערישן, סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן פּרצוף פון דער גאַנצער מענטשהייט.

און איצט לאָמיר האָפן, אַז אין דעם געפערלעכן וועלט־קריזיס צווישן מזרח און מערב וועט נאָך דאָס לאָנדאָנער יידנטום אַרויסגעבן אַרכיטעקטן, וואָס וועלן שאַפן די שלום־בריק צווישן די אידעאָלאָגיעס פון אַמעריקע און רוסלאַנד. נאָר לאָנדאָן איז געאָגראַפיש און קולטורעל דאָס אָרט און נאָר יידן דאָס וועלט־פאָלק קען און מוז די שלום־בריק בויען און היטן.

אויב מיר יידן וועלן זיך צופרידנשטעלן מיט דעם טעריטאָריאַלן תחית־המתים פון ישראל און אַראָפּוואַרפן פון זיך די אחריות פון וועלט־רעטונג, וועלן מיר פאַרראַטן אונדזער צוזאָג צו גאָט און מענטש, וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט אין פאַרלויף פון אונדזער גאַנצער געשיכטע.

## ס. פּאַלמע

### דער באַר־געזאַנג*

ערשטע גרופּע:
(סאָלאָ)

מיר גייען מיט פּויקן און טאַצן,
מיר זינגען דאָס הערליכע ליד,
ס׳באַגלייט אונז די לידער דער האַמער,
דער קלאַנג פון דער קוזשניע, דער שמיד.

אַלע:

דער שמיד מיט זיין ליד
דער שמיד מיט זיין ליד
דער שמיד מיט זיין מעכטיקן ליד!

(ערשטע גרופּע בלייבט אויף אַ זייט)
צווייטע גרופּע:
(סאָלאָ)

מיר קומען פון טיף ווייטע וועגן,
פֿאַר אָפּער מיר זענען ניט קאַרג
מאַרשירן מיר אַלע מיט גלויבן
צו שטורמען דעם גאָלדענעם באַרג!

אַלע:

צום פינצטערן באַרג!
צום פינצטערן באַרג!
צו שטורמען דעם גאָלדענעם באַרג!

(צווייטע גרופּע בלייבט אויף אַ זייט)
דריטע גרופּע:
(סאָלאָ)

עס שמאַכט דאָרט די זון אַ פֿאַרבענקטע
מיר שמאַכטן ווי זי אַזוי לאַנג;
מיר שווערן מיר וועלן דערגרייכן
דעם באַרג מיט שטורעם געזאַנג

אַלע:

מיר שווערן אַזוי!
מיר שווערן אַזוי!
מיר שווערן מיט שטורעם־געזאַנג!

---

*צום דערשיינען איצט פון פּאַלמעס „קינדער פון מאָרגן", דראַמאַטישע פאַנטאַזיע אין 4 בילדער. אין זיין ניי בוך „גלאָקן אין מדבר".



אַלע דריי גרופּן:

מיר טרייבן דעם ליגן מיט אמת,
מיט ריינקייט דערהויבן צום גליק!
מיר שניידן די וועגן, מיר שניידן,
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!
מיר ווייסן דאָס ניט!
מיר ווייסן דאָס ניט!
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!

(נעמען אָפּגיין)

מיר רופן, מיר רופן דעם לעבן
פון עלנד און פיינען אַרויס
עס וויגט זיך, עס וויגט זיך דער מאָרגן,
פון אָפּגרונט אָט וואַקסט ער אַרויס!

---

## יוסף הלל לעווי

### „עפּיזאָדן און מאָמענטן פון א לעבן"

אזוי הייסט דאס בוך פון דעם באוווסטן דיכטער און עסייאיסט א. אלמי וואס איז נאר וואס ארויסגעגעבן געווארן דורכן: „צענטראלפארבאנד פון פריילישע יידן אין ארגענטינע".

דאס דאזיקע בוך וואס איז פארזען מיט א גוטן דרוק, און א גוטן פאפיר, פארמאגט אויך אייניקע אינטערעסאנטע פאטאגראפיעס.

און אז דו האסט איפגעבונדן די 36 גאלדענע בינטלעך זכרונות, בילדער און עפיזאדן פון א. אלמי (אליהו חיים שעפס) בלייבט ביי דיר צוריק א זיסער אומעט און א פיינער ארמא. נאך די אלע טייערע געשטאלטן, ליבע בילדער, און הארציקע רייד. עס נעמט דיך ארום עפעס אזא מין מאדנע ווארימקייט פארחלומטע שיכרות און ראמאנטישע סענטימענטאלקייט — פון וועלכער דו קאנסט זיך פשוט א לאנגע צייט נישט באפרייען.

עס טויכן פאר דיר ווידער אויף קולטור־היסטארישע געשטאלטן, די טייערע, נאנטע יידישע פארגאנגענהייט באקומט ווידער פארב און קלאנג, דופט און זין און רייסן דיך פשוט מיט. עס איז קלאר אז די געשטאלטן, בילדער, עפיזאדן און זכרונות זענען אויף אונדז משפיע, — אבער טאקע נישט וויניקער ווירקט אויף אונדז געהיים א. אלמיס שילדערונגס כח....

מיט פשוטע ווערטער פארשטייט אלמי ארויסצורופן ביי אונדז אסך איידעלע געדאנקן און געפילן.

דאס איז דערפאר ווייל דאס איז אן אויטא ביאגראפיע אין וועלכער דער מחבר איז נישט אויסן געווען צו שילדערן דווקא נאר די אלע סוביעקטיווע מאמענטן פון זיין אינדיווידועלן קינסטלערישן לעבן אליין; נייערט אויך צו שאפן א פארבינדונג מיט דעם אלגעמיין ייִדיש־קולטורעלן לעבן.

דערפאר ווירקן אפילו אפט אויך זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, אזוי אומפערזענלעך און פאראלגעמיינערט. זיי ברענגען אונדז צוריק אריין אין די אמאליקע ליכטיקע ייִדישע ספערן פון אמת שפרודלדיקן שאפן און זייערע שאפער, פון פארשידענע, קאמפן און קעמפער, פון בונטע אידייען און באגייסטערטע אידעאליסטן.

עס שטייט ווידער אויף צו תחית־המתים פאר אונדז א גאנצע ייִדישע תקופה מיט איר ווארימען היימישן און שטראלנדיקן ייִדישן לעבן.

דערפאר דער גרויסער אינטערעס אפילו צו די (ווי שוין פריער באמערקט) פערזענלעכסטע ניואנסן וואס ווערן דארט צומאל געשילדערט.

דערפאר לייענט זיך דאס בוך מיט שפאנונג — אזוי ווי אן אינטערעסאנטער בונטער, אריגינעלער און אינטימער ראמאן, פון א געניטע קינסטלערישע האנט געשאפן. און דעפאר דארף דאס וויכטיקסטע בוך טאקע אין קיין ייִדישע שטוב ניט פעלן. קינסטלערישע ראפינירטקייט און אינטואיציע, באגלייטן א. אלמין אויף שריט און טריט. און וויילביידע זענען זיך אזוי אפט מתיחד, — דערפאר דאס אזא הארמאנישקייט, בונטקייט און געדאנקנרייכקייט.

אלמיס בוך „עפיזאדן“, — מאכט פאר אונדז קלאר און באווייזן אונדז: אז דאס אמתדיק אדורכגעלעבטע, איבערגעליטענע און א דורכגעפילטע לעבן, באשטייט טאקע נישט מער נאר פון פארשיידענע עפיזאדן....

מחמת סתם לעבן — לעבט דאך יעדעס נפש, יעדע בריאה; אן אן אנהויב, און אן אַ סוף, אַמאָל טרויעריק, אַמאָל פריילעך, אַמאָל נידריק און אַמאָל אויך הויך... און אז מען רעזומירט נאך א צייט דאס איבערגעלעבטע בלייבט נישט פיל צוריק, ווייל אמתדיק צובינדן צום אינטערעסאנטן, ווערטפולן, גייסטיקן און געפילפולן לעבן — קאנען אונז נאר „עפיזאדן“! מחמת אויך מיר אליין זענען נישט מער ווי א קורצער עפיזאד אינעם „ספר החיים“...

מיט אַ פארשטענדניספולער איבערגעגעבנקייט, געטרייקייט און ליבע — פירט אונדז א. אלמי דורך דעם אמאליקן ייִדיש־רוסישן, פוילישן, גאליצישן און ניו־יארקער ליטעראַרישן לאבירינט פון ייִדישער שאפונג און זיינע שאפער. מיר פילן זיך ווידער אינעם העפטיקן געברויז פונעם פארפלאסענעם נאנטן עבר. מיר ווערן ווידער פאריינט מיט די אונדז אזוי ליבע און טייערע טיפן, געשטאלטן, שרייבער, קינסטלער און מנהגים פון אמאל...

פונעם בלוטיקן כאאס און טריבן נעפל שווימען שטיל ארויס: ש. י. אימבער, נתן בירענבוים, ב. באראכאוו, י. דינעזאן, י. ל. פרץ, א. מ. ווייסענבערג, ה. ד. נאמבערג, ד״ר ח. זשיטלאווסקי, ר. ברייניז, ש. דובנאוו, מ. טייטש, י. טונקלער, שלום עליכם, מ. ל. האלפערן, י. פערעלע, ב. יאושזאן, מ. נאדיר, נ. פרולוצקי, ה. צייטלין, — און נאך און נאך א גאנצער שלל, פון לייכטנדיקע



און אומפארגעסענע ייִדישע שטערן... און דאס אלעס קומט אזוי בנעימותדיק שטיל געפלאסן, — פון א פיינעם רייפן, עפיש־לירישן סטיל.

הגם מיר קענען שוין פון פריער אלמיס אלזייטיקייט — זיינע טיפע עסייס אריגינעלע שטארקע לידער, און וויכטיקע קריטיקן; ווערן מיר תמיד אלץ מער באקאנט מיט די פיינקייטן פון זיין פען.

עס איז קלאר, אז פאר יעדער ליטעראטור און אין יעדן פעריאד, וואלטן אזעלכע מעמוארן געווען פון גרויסער — גאר גרויסער וויכטיקייט, מכל שכן נאך היינט: בעת עס איז לאיבוד געגאנגען א גאנץ ייִדיש פאלק, — מיט א דורותדיקער קולטור און אריגינעלן ייִדישן שטייגער לעבן און שאפן, היינט זענען פאר אונדז באזונדערס ליב און טייער און טאפלט וויכטיק, — אזעלכע ווערטפולע און פון אונדז אלעמען פארערטע טיפן און געשטאלטן. און נאך דערצו — ווען זיי זענען בולט און גייסטיק געטריי פאראייביקט געווארן; אין קערנדיקע ווערטער, שורות און קאפיטלען, — וואס יעדעס קאפיטל וואקס אויס צו א לעבענדיקן מאנומענט.....

דער פיינער דענקער, דיכטער, און הומאריסט, — לייכט פשוט ארויס פון יעדן זאץ, און מאכט טאפלט אנגענעם דאס וואנדערן מיט אים אויף די וועגן און שטעגן; פון דער אונדז אזוי נאנטער, ליבער און טרויעריקער פארגאנגענהייט.

עס איז אויך זער כאראקטעריסטיש און פון א גאר באזונדערער וויכטיקייט א. אלמיס לאיאלע און נייטראלע באהאנדלונג — פון אסך ליטעראַרישע און פארטייאישע פיגורן, צו וועלכע אלמי איז אידייאיש אין אן אפסאלוטער אנטקעגנגעזעצטער ריכטונג געשטאנען. להפך צו אן אויך ערשט נישט לאנג דערשינעם ענלעכן וויכטיקן בוך „זכרונות“ — פון דעם באוווסטן ארגאניזאטער פון דער אמאליקער עסטרייכישער און שפעטער פויליש־ייִדישער יוגנד און אויך „טעאטראל“ יעקב קענער: וואס האט מיט א כוונה, אדער אפשר אויך אן א כוונה, — זיך געמאכט אדער טאקע אויף אן אמת פארגעסן (נישט קיין חלוק מחמת ביידע זענען איין חסרון) בעת ער שילדערט די ייִדישע ארבעטער יוגנט אין קראקע, און זייער מיליע; אזעלכע טיפן, געשטאלטן און מיטווירקער (אפילו פון די אייגענע רייען) וואס האבן בשעתם דווקא אויך גאר קיין קליינע ראלע געשפילט אין דער באוועגונג פון דער ייִדישער ארבעטער יוגנט, וואָס איז געשטאנען אונטער א גאר שטארקער השפעה, פון דער דאמאלסדיקער „עסטרייכישער פועלי־ציון באוועגונג“. ווי למשל דער זער טאלענטירטער לירוקער (וואָס האט דאן לידער אויפגעהערט לידער צושרייבן) משה יעקב קליפער, — וועלכער איז אויך שוין אין זיין יוגנט געווען א פיינער רעדנער און אן אמתדיק פראכטפולער דעקלאמאטאר, וואס האט אויף אלע אוונטן און פאראנשטאלטונגען דעקלאמירט: ראזענפעלד, רייזן, עדעלשטאדט און פרצן; און נישט נאר אליין דערמיט געהויבן דעם גייסט פון די קראקעווער יוגנט, נייערט אויך דעם פרעסטיזש פון דער גאנצער יוגנטארגאניזאציע. אזוי אויך ב. קאהן, י. שטיינבאק, ב. זמולער, ד. ליימאן, און דער שרייבער פון

די שורות, וועלכער איז איבער גאנץ גאליצע ארומגעפארן מיט ליטעראַרישע פארטראגן און אפירלייענונגען, אינעם נאמען פון דער „יידישער ארבעטער יוגנט אין קראקא". איך געווען א דעלעגאט צו איר קאנפערענץ, היינט שוין אפגערעדט פון געשטאלטן וועלכע האבן באלאנגט צו אנדערע פארטייען, און האבן פארט געהאט אויך אַ געוויסע השפעה (און דווקא גארנישט צום שלעכטן אויף דער קראקאווער „ארבעטער יוגנט) ווי אַ לאבין דער זש. פ. סאוויעץ, און אנדערע. . . .

פארוואס דאס איז געשען, איבער דעם וויל איך דא נישט רעדן, נאך אז דאס איז געשען, — איז עס א גרויסע עוולה, און וואלט געדארפן באלד קארעגירט און רעווידירט ווערן!

איך האב דאס דא נאר געבראכט אין צעזאמענהאנג מיט אלמיס בוך, — ווייל אויך ער האט געשילדערט טיפן און געשטאלטן פון דער יידישיסטישער באוועגונג און אויך געגנער, אבער נישט מיט קיין ענגן פארטייאישן קוק, נייערט מיט אן אומפארטייאיש גרויסציגיקן און ווארימען הארץ. . . .

איבער א. אלמיס דורכאוים פינע עסייען, אריגינעלע דיכטונגען, אינטערעסאנטע טראקטאטן איבער פארשיידענע וויכטיקע יידישע פראבלעמען — איז פאראנען נאך זייער א סך צו זאגן. איך וועל עס אין א געאייגנטן מאמענט נאך טאן.

אבער דערווייל זאלן די דאזיקע שורות דינען אלס א הארציקן דאנק און ווארימער באגריסונג צו דעם — „צענטראלפארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע, — רעדאקטאר מארק טירקאוו און פארלאג־לייטער אברהם מיטלבערג, וואס זיי גיבן דעם יידישן עולם א מיגלעכקייט: אזעלכע וויכטיקע, אינטערעסאנטע און ווערטפולע ביכער צו לייענען.

און הלואי נאך אסך אזעלכע — ליבע, געטרייע און נאנטע ביכער; און דער יידיש לייענעדיקער עולם, ווי אויך די יידישע ליטעראטור וועט אייך באשטימט נישט אומדאנקבאר זיין!

## די יידישע שרייבער אין סאוויעט רוסלאנד

שוין וואכן ווי ס׳גייען ארום קלאנגען, אז באוווסטע יידישע שרייבער ווי מארקיש, פעפער, האלקין, בראדערזאן א.א. זיינען ארעסטירט געווארן. לעצטנס האט די ידיעה אויך געבערענגט די לאנדאנער „דזשואיש קראניקל". פאדערן מיר אויף די יידיש־קאמוניסטישע ציַיטונג אין ענגלאנד „קלעריאָן", אדער די יידיש־קאמוניסטישע סעקציעס אין לאנדאן, צו געבן אונז אויפקלערונגען איבער דעם, אויב ניט, וועלן מיר זיינען געצווונגען צו נעמען שטעלונג לגבי דעם ענין. די יידישע שרייבער אין לאנדאן זיינען שטארק באאומרואיקט אינם גורל פון זייערע קאלעגן.



# יוסף לעפטוויטש

## לייענען *

עמערסאן האט אמאל אנגעוויזן ווי ענלעך לייענער אין א ביבליאטעק זענען צו זויגנדיקע קינדער. דאס זויגן דורך לייענען קרעפטיקט און פארשאפט נארונג. אט דאס איז אייגנטלעך אין הסכם מיט דעם וואס בעיקאן, דער ענגלישער פילאזאף, האט געזאגט נאך פיל פריער, אז „לייענען פארפולקאמט דעם מענטשן". מען זעטיקט זיך דורך דער ארט זויגן.

מיין יוגנט האב איך פארבראכט אין א ביבליאטעק. זינט איך בין ארויס פון דער וויטשעפלער שולע, אלס געהילפס־ביבליאטעקאר ביי דעם „דזשואיש אינסטיטוט לייברערי" אין מאלבערי סטריט. איך קען מיך נאך גוט דערמאנען ווי די לייענער זענען געשטאנען ביי די ציַיטונגען אדער גנזעסן ביי די טישן און ממש געשלונגען דאס לייען־מאטעריאל. איך קען נאך אלץ זען א טייל פון זיי, וואס זענען געקומען טאג אוים און טאג איין און גענומען די זעלביקע ביכער, וועלכע זיי האָבן נישט דערענדיקט לייענען ווען די ביבליאטעק האט זיך געשלאסן אין אוונט, כדי צו קענען פארזעצן דעם נעכסטן טאג.

דאס איז געווען אין יאר 1906, בשעת דער גרויסער עמיגראציע, און די לייענער זענען לרוב געווען יידיש־רעדנדיקע מענטשן נאר וואס אנגעקומענע, גרינע, וואס האבן זיך געפילט ווי פארלוירן אן יידיש; וואס האבן זיך געפילט געקרעפטיקט מיט די היימישע יידישע ווערטער. א סך האבן נאכגישט געהאט געפונען קיין ארבעט פאר זיך, און האבן געלעבט בדוחק, כמעט ווי קבצנים. די נעבעכדיקע צימערלעך זייערע האבן זיי ארויסגעטריבן ביי טאג. אפילו פאר א סך שוין באשעפטיקטע איז אט די ביבליאטעק געווען א מקום מקלט נאך די ארבעט־שעהן.

פון זיי האב איך א סך געלערנט. זייער כסדרדיק נאכפרעגן זיך אויף פרצנס, מענדעלעס, שלום עליכמס און גאלדפאדנס ווערק האט מיר פיל געהאלפן. איך שעם מיך מודה צו זיין, אַז א יונגערמאן מיטן נאמען ביאליק, מסתמא א קרוב פון דעם גרויסן דיכטער, איז נתפעל געווארן ווען אט דער נאמען האט אויף מיר קיין רושם נישט געמאכט. איך בין אבער אלט געווען נישט מער ווי פערצן יאר. פון דעמאלט אן האב איך א סך געלערנט וועגן דער יידישער ליטעראטור.

פון דעם, וואס איך האב געזעען אין דעם „דזשואיש אינסטיטוט לייברערי", קען איך גוט פארשטיין פארוואס די מיסיאנערישע לייען־זאלן האבן

---

* מיר ברענגען דעם רעפעראט פון יוסף לעפטוויטש וועלכן ער האט געהאלטן א זונטיק נאכמיטאג אין יידישן רידינג־רום, וועלכער איז ווידער אויפגעעפנט געווארן. ביי חנוכת הבית האט דער משיף ראביי ר״ר ישראל בראדי געהאלטן די ערעפענונגס רעדע. דער סאלאנסירטער פידלער כנורי האט געשפילט בלאדס „ניגון" און אנדערע קאמפאזיציעס. מ׳האט אויך געשפילט די „רעקארד קולות ירושלים פון דער באקאנטער קאמפאזיטארין שולמית דאניאַן

אזוי געצויגן דעם יידישן עמיגראנט. עס איז א פאקט, אז איינע פון די סבות צו גרינדן די ביבליאטעק איז טאקע געווען אנטקייגן צו ווירקן די מיסיאנערישע טעטיקייט. די „דזשואיש קראניקל“ האט אין א לייט־אַרטיקל פון נאוועמבער 1905, ווען מען האט געעפנט די ביבליאטעק, געשריבן: „זי וועט אויסאיבן אן איינפלוס קעגן די גיין אדער צען לייען־זאאלן, וועלכע בליען אזוי אונטער דער השפעה פון די מיסיאנערן אין מזרח לאנדאן“.

וויאזוי קען מען רעדן פון יענע טעג אין ווייטשעפל און נישט דערמאנען זאנגווילן? „איך ווייס“, זאגט זיין ר׳ שמואל אין די „קינדער פון געטא“, וויאזוי די דאזיקע טייוולאנים באנוצן זיך מיט מיטלען צוצוציען די הילפלאזע אימיגראנטן“.

דער אין קאמערשל ראוד בארימטער פאטאגראפיסט פערקאף פלעגט מיר דערציילן ווי די אימיגראנטן אין יענע צייטן האבן געהאַט בלויז אַ בעט, און אפטמאל בלויז א געלעגער אויף דער פאדלאגע, אין זייער „לאדזשע“. נאך דער ארבעט האבן זיי פשוט נישט געהאט וואו צו גיין אחוץ אין די מיסיאנערישע לייען־זאאלן אריין און נאר די, וואס האבן זיך אקטיוו באטייליקט אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, זענען געגאנגען אין די סאציאליסטישע צי אנארכיסטישע קלובן אריין.

אט די דאזיקע יידישע אימיגראנטן זענען געקומען פון א לאנד, וואו לייענען איז געווען פארווערט. „נישט האבנדיק די דערלויבעניש אפצוהאלטן פארזאמלונגען, האט די יונגע אינטעליגענץ געשאפן געהיימע ארגאניזאציעס, כדי צו קענען לייענען און זיך טיילן מיט די מיינונגען“. אזוי האט אונז דערציילט ד״ר באריס גאגען, דירעקטאר פון דזשאינט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכער איז אליין געווען איינער פון די עמיגראנטן פון דעם אמאליקן רוסלאנד. „א טייל ביכער, וואָס מען האט פריער געמעגט לייענען פריי, זענען פאַרבאָטן געוואָרן, מינדעסטנס שייך האלטן זיי אין עפנטלעכע ביבליאָטעקן“.

און, פארשטייט זיך, עס איז אייך געווען א יידישע צענזור. ישיבה בחורים פלעגן לייענען וועלטלעכע ביכער געהיים, און טיילמאל זענען אפילו געוויסע רעליגיעזע ספרים געווען פארבאטן. עס האט ממש באטייט צו פארלירן די „קעסט“ און ארויסגעטריבן צו ווערן, אז מען האט איינעם געכאפט ביים לייענען פארבאטענע ביכלעך.

ערשט נישט לאנג צוריק האט דאס אייראפעישע יידנטום ווידער געהאט מיטצומאכן פארפאלגונגען וואס שייך ביכער און ספרים. די נאצים האבן זיי פארברענט עפנטלעך אויף שייטערהויפנס. יידן אין די געטאס פון ווארשע, ווילנע, לאדזש און אנדערש־וואו, האבן פארבארגן די דאזיקע אונטער דער ערד, ריזיקירנדיק דערביי מיטן לעבן. א סך ספרים און ביכער האט מען איינגעמויערט אין די ווענט אדער באהאלטן אין קירכעס און קלויסטערס, כדי ווען די באפרייאונג וועט קומען, זאל מען זיי קענען ווידער באקומען. אויף אזא אופן זענען גאנצע אוצרות פון יידישער ליטעראטור אפגעראטעוועט געווארן.



„איינע פון די גרויסע דערגרייכונגען זינט דער באפרייאונג, ווי ד״ר דזשאזעף שווארץ האט איבערגעגעבן אויף דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ אין פאריז צו העלפן און רעהאביליטירן יידן, נאוועמבער 1948, איז וואס „ביכער דערשיינען ווידער. בלויז אין דייטשלאנד זענען געדרוקט געווארן איבער א מיליאן עקזעמפלארן פון רעליגיעזע און וועלטלעכע ספרים“.

אויב מען מוז זיך באהאלטן, אז מען וויל לייענען א בוך און דערצו נאך, אז לייענען ביכער ווערט באטראכט ווי א געפערלעכע באשעפטיקונג, קען מען זיך שוין משער זיין פארוואס דאס עצם לייענען ביכער ווערט אזוי טייער. עס גיט דאך אייך דעם רייץ פון ריזיקע, פון העראאיזם און מארטירערטום און גלאריע.

מיר, וואס זענען ארויסגעקומען פון די ענגלישע שולעס און וועמעס שפראך איז געווען ענגליש, האבן קיינמאל נישט געוואוסט פון דעם טעם פון לייענען אין געהיים, א חוץ וואס אונזערע עלטערן האבן טיילמאל געזאגט, אז מיר פארנעמען זיך שוין צופיל מיט ביכער; אז עס איז א ביכער־שלאק, ווי ביי א טייל מענטשן א לבנה־שלאק.

אונז פלעגט עס ציען צו די ביבליאטעקן אין ווייטשעפל, מייל ענד און סעינט דזשארדזשעס, וועלכע האבן אייך געהאט יידישע אפטיילונגען. אונזערע טרעף־פונקטן זענען געווען די לייען־זאאלן, ווי אייך טוינביהאל. צי מיר האבן געלייענט די ביכער אויפן ארט אין די לייען־זאאלן, אדער האבן זיי אהיימגענומען פון די ביבליאטעקן איינס איז קלאר; זיי זיינען געווען די גייסטיקע היימען אונזערע, די אקאדעמיעס און אוניווערזיטעטן.

עס איז ביי מיר פארצייכנט וועגן מיין פריינט אייזאק ראזענבערג דעם דיכטער, אז „ער לויפט כסדר אין די ביבליאטעקן אריין ווען ער קען נאר, כדי צו לייענען דיכטונג, און די ביאגראפיעס פון די דיכטער, זייערע בריוו, זייערע עסייען און וויאזוי זיי שרייבן שירים, זייערע טעאריעס איבער פאעזיע וואס זי דארף זיין און אויפטון — ממש אלץ וואס ער קען נאר געפינען איבער דיכטער און דיכטונג“.

מיר פלעגן שמועסן און דיסקוטירן איבער דעם וואס מיר האבן געלייענט, שפאצירנדיק אויף מייל ענד ביז באו, דורך בעטנאל גרין ביז וויקטאריא פארק, אראפ צו דער באנק, פארביי די מינאריס און דעם מאוער און לאנדאן צי ביי די ברעגן פון דער טעמזע. ערשט מיט איניקע וואכן צוריק האט יעליק בראדעצקי מיך געטראפן אין גאס און געפרעגט צי איך געדענק נאך יענע שפאציר־גענג. ווי קען איך זיי בכלל פארגעסן?

מיר האבן אנגעהויבן גיין ווייטער, כדי צו געפינען לייען־מאטעריאל. מיר פלעגן אפט זיין אין די ביבליאטעקן אין לייםהויז, שארדיטש, האקני. איך בין אפילו געגאנגען קיין איסט העם, שפעטער איז מיר שוין אויסגעקומען צו זיין אין בישאפסגייט, גילדהאל און, די קעניגין פון זיי אלע, די ביבליאטעק און לייען־זאל פון בריטישן מוזעאום.

איך געדענק ווי מרס. לאוי און מרס. טאגער האבן געגרינדעט דאס פרייע יידישע לייען־צימער אין ווייטשעפל ראוד, צום ערשט אויף דער וועלביקער

זיט גאס ווי דאס מיסיאָנערישע, אביסעלע אראפּצוצו קיין א׳דגייט. און שפּעטער אויף דער אנדערער זייט גאס, כמעט אנטקייגנאיבער. איך פלעג אפּס דארטן אהין אריינגיין. איך האב מיך אויך געהאט באטייליקט מיט מרס. לאָוי אין דער יידישער געזעלשאפט פאר קונסט און וויסנשאפטן, וואס איך האב געהאָלפן גרינדן, און פון וועלכער זי איז געווען די קאסירערין.

אויף וויפל איך געדענק איז עס געווען מרס. לאָוי׳ס פארלאנג צוצוציען נישט בלויז דעם עלטערן דור, וועלכער פלעגט נאך מיט צען יאר פריער אריינגיין אין די מיסיאָנערישע לייען־זאאלן, נאר אויך די יוגנט, דעם אונטערוואקסנדיקן דור. די עלטערע מענטשן האבן זיך שוין געפילט ווי תושבים, זיי האבן שוין געהאט זייערע אייגענע וואוינונגען פון צוויי אדער דריי צימערן, וואו זיי האבן געקענט זיצן אין דער ווארעמקייט און לייענען ביכער, אויב זיי האבן געהאט חשק דערצו.

קינדער און די יוגנט האבן זיך אויך געפונען אונטער מיסיאָנערישער השפעה. אויב מיר זאלן באטראכטן זאנגווילס „קינדער פון געטא״ ווי א דאָקומענט פון יענער צייט, וועלן מיר געפינען זיין אספּר אנסעל, וועלכע איז מודה, אז נאך אלס א יונג מיידל האט זי „תמיד געפונען איר רעליגיעזע באגייסטערונג אין דעם „ברית חדשה״. די קינדער. האט זי געזאגט פלעגן באַקומען ברית־חדשה׳ס פון די מיסיאָנערן.

היינט צו טאג האבן מיינע פריינט און איך אונזערע אייגענע ביבליאָטעקן, וואס, ווי מיין אייגענע, זענען שוין געוואלטיק גרויס אז זיי פליסן אזש איבער אין אלע צימערן אריין און פארשאפן אונז פּראבלעמען וואס שייך אונזער באקוועמלעכקייט.

וויפל אבער אזעלכע ביבליאָטעקן געפינען זיך אין ענגליש־יידישע היזער? געוויס איז עס א מאדנע דערשיינונג, אז ביי די זעלביקע מענטשן, וואס פלעגן פשוט שלינגען ביכער ווען זיי האבן זיך נישט געקענט פארגינען זיי צו קויפן און אויך נישט געהאט וואו זיי צו האלטן, זאל זיך איצט נישט געפינען קיין ארט פאר א בוך אין זייערע לוקסוס דירות! ערשט נישט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו ציטירן א פאל, וואס איז געווען דערמאנט אין דעם „זייאָניסט רעוויו״ וועגן איינעם וועמענס דירה איז געווען פול מיט מייז. ער האט אריינגערופן זיינס אַ שכן, וועלכער האט זיך ארומגעקוקט און א זאג געטון מיט פארדראס, „מייז! אוודאי מוזט איר האבן מייז! זעט נאר וויפל ביכער איר האט דא. ביי מיר אין מיין וואוינונג געפינט זיך אפילו נישט קיין איין בוך און, ממילא, האבן מיר אויך קיין מייז נישטו!״

דאס איז שוין, ליידער, א צו אָפטער פאל. יידישע שרייבער און דיכטער באקלאגן זיך כסדר וואס מען געפינט אזוי זעלטן א מאדערן יידיש בוך אין א יידיש הויז. ערשט נישט לאנג צוריק האט מיך א יידישער מחבר געפרעגט פארוואס מיר האבן נישט קיין ביבליאָטעק פון מאדערנע יידישע ביכער, וואו מען זאל קענען געפינען די סאמע לעצטע אויסגאבעס פון יידישן אינטערעס.

(סוף קומענדיקן חודש)



מ. מינדל

# א זונטאג אין ארבעטער רינג

דאָס צירקל־הויז פון ארבעטער־רינג געפינט זיך אין עלי סטריט.

„טראָלי־באסעס״ שטעלן זיך אָפּ אין „גארדנערס קאָרנער״ פון וואַנען עס לאָזן זיך ארויס, גאנצע מחנות אָנגעקומענע, ווייטשעפּעלער יידן, וואָס זענען שוין איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער גאנץ לאָנדאָן.

די דאָזיקע יידן קומען אין דער „איסט־ענד״, כדי צו טרעפן זיך מיט פריינט און לאנדסלייט, און אין איין וועגס איינקויפן ארטיקלען פון גרויס וויכטיקייט, וואָס מ׳קאָן נישט קריגן אין די ווייטע מקומות, פונוואַנען זיי קומען. אַ שטייגער: הערינג, שוואַרץ ראָזאָווע ברויט, זויערע אוגערקעס און נאָך אנדערע יידישע מאכלים; און צו דער זעלבער צייט איינצאָלן „קאָנטריביושאָנס״ פאר פּסח קלובן און אנדערע סאָסייטי־אָפּצאָלונגען: „האָספּיטאַל־סייווינג אַסאָסיאיישאָן״, „בעריעל סאָסייטי קאָנטריביושאָן״ א.אז.וו.

דער ארבעטער־רינג איז געוואָרן אַ צענטער, ווו עס שווירבלט און עס גריבלט. א גאנצן פרימאָרגן ארויף און אראָפּ.

פון אונטן ביז אויבן, אויפן פירטן שטאָק געפינען זיך אין אלע צימערן אָפּטיילונגען פון פארשידענע קלובן, ווו עס זיצן סעקרעטאַרן, מיט זייערע געהילף־סעקרעטארן — און מ׳נעמט געלט, און מ׳פארשרייבט אין די „קאָנטריביושאָן־קאַרדס״ (אַ גרויס בוך מיט נעמען פון די „קאָנטריביוטאָרס״).

צען אזייגער אין דער פרי הויבט זיך אָן דער יאַריד. עס גייען: יונגע שיינע מיידלעך, מיטליעריקע פרויען; אייניקע שיין אָנגעטון מיט האָנט־בייטלען אין די הענט, אנדערע מיט גרויסע „שאָפּינג־בעגס״. און מענער: הויכע, לאַנגע, אלטע, יונגע, דארע און פעטע, זיי הוסטן, קרעכצן, שפּאַרן זיך צום טיש, ווו עס שטייען רייען און וואַרטן מ׳זאָל ביי זיי צונעמען דאָס געלט.

טייל נעמען „לאָאַנס (היפּשע סומען). זיי ציילן די פונטן און דאָס זילבער געלט אין קליינע קאָנווערטן, שטילערהייט און זענען נישט זיכער צי עס שטימט. די סומע, מיטן געלט, וואָס מ׳האט זיי געגעבן פאָרן „לאָאָן״. ווען זיי וואָלטן זיך נישט געשעמט וואָלטן זיי געבעטן מ׳זאָל זיי קלאָר מאכן וויפיל מען רעכנט פּראָצענט פאר נעמען דעם „לאָאָן״ — פונם פונט.

אין מיטן פון דעם טומל און הו־האַ געפינט זיך אַ צימער, וואָס מ׳רופט דאָס „לייברערי״ (ביבליאָטעק). די ביבליאָטעק עפנט זיך עלף אזייגער. דאָרט געפינט זיך אַ „לייברעריען״, וואָס גיט ארויס יידישע ביכער צום לייענען פאר מיטגלידער פון ארבעטער־רינג.

די טיר איז צוגעמאכט, ווייל דער ווינט בלאָזט פון אלע זייטן, דאָס עלעקטרישע אויוועלע איז תמיד „געפירוט״, דאָס הייסט, עס ארבעט נישט און עס איז קאַלט.

דורכגייער קלאַפּן אָן אין טיר, ווען מען עפנט זיי, זען זיי, אז זיי זענען נעבאָך „אריינגעפאלן״... נישט דאָס דארפן זיי... זיי זוכן גאָר דעם לאָדזשער, דעם פּיעטריקאָווער פּסח קלוב. און מיט א „סאָרי״־מינע אויפן פּנים

געבן זיי אַ פאַרמאַך די טיר, אַז די פּאַליצעס מיט די ביכער נעמען זיך אַזש טרייסלען, ווי פון אַ ראַקעט באָמבע, אָדער אַן ערדציטערניש. ווי נאָר איינער גייט אַוועק, קומט אַ צווייטער, אַ דריטער, — ביז דער ביבליאָטעקאַר עפנט פונאַנדער די טיר אין איר גאַנצן פאַרנעם, און ער שטעלט צו אַ שטול.

דאַן קומט פאָר אַזאַ סצענע: יעדער פאָר מינוט שטעקט אַן אַנדערער אַריין דעם קאָפּ און קוקט אַריין מיט אַ פּאָר אמת ייִדישע אויגן, שוואַרצע, קלוגע אויגן, און טוט אַ פרעג: — דער און דער קלוב זיצט דאָ?

— ניין! — ענטפערט מען אים.

דער ענטפער קומט שוין פון לייענער, וואָס שטייען אַרום די פּאַליצעס און קלויבן ביכער און בשעת מעשה כאַפּט מען אַ שמועס. געווענטלעך הויבט זיך אָן דער שמועס פון בייטן זיך מיט ביכלעך.

— ווייזט מיר נאָר, וואָס האָט איר געלעזן?

יענער וויקלט פונאַנדער דאָס פּעקל, וואָס באַשטייט פון פינף ביכער, וועלכע ער נעמט פאַר זיך, פאַרן ווייב, פאַרן שכן און פאַר זיינס אַן אַרבעטער אין „וואָרקשאָפּ“, וואָס קאָן אַליין נישט קומען. און מ'נעמט זיך אַמפּערן.

— איר לייענט שלום אַש דעם נוצרי? — וואָס, איר רעכנט טאַקע, אַז עס איז געווען אַ „יאָשקע“ (יהושע) אויף דער וועלט?

דער פריינט ווערט אַביסל פאַרשעמט, און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. לסוף טוט ער אַ זאָג:

— אַש איז אַ גרויסער טאַלאַנט. אין אַלעם וואָס ער שרייבט שטעקט חכמה.

מ'גייט איבער צום אויסטוישן זיך מיט ביכער. אַז עס בלייבט נאָר איבער פאַר דעם „ליבּרעריען“ צו בייטן די קאַרטן מיט די נעמען. עס קומען אַן נייע לייענער, וואָס טרעפן זיך מיט פריינט, וועלכע מ'האָט נישט געזען אַ לענגערע צייט, און מ'גיט איבער מזל טוב'ס פון חתונות, בר מצוה'ס און אויך טרויעריקע נייעס: לויה'ס און אַזוי ווייטער.

און ווען עס ווערט אַביסל שטילער קומט אַרויף אַן אַנדער סאָרט לייענער: ייִדישע שרייבער, כלל טוער, און מ'רעדט וועגן נייע ביכער, וועגן לאָנדאָנער פּאָעטן און דיכטער. ווער עס געפינט אַ גוט וואָרט, ווער עס באַנוצט זיך מיט שלום עליכמ'ס אַן אויסדרוק: „לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסטו נישט?“...

ביז ס'קומט צו אַ פשרה, אַז יעדעס לאַנד האָט אירע באַדינגונגען און מען דאַרף יעדן דן זיין לכף זכות.

אַרום צוויי אַזייגער ווערט אביסל שטילער. מ'גייט אַראָפּ אונטן אין דער „באַר“ און מען טרינקט טיי. דער עולם צוגייט זיך ביז פינף אַזייגער. נאָך פינף אַזייגער קומט אַן אַן אַנדער עלעמענט צוהערן זיך צו אַ רעפעראַט און מען איז גרייט צו נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע און אַרונטעררייסן דעם רעדנער, ווער ער זאָל נישט זיין: אַ קאָמוניסט, אַ בונדיסט, אַ פּועלי ציוניסט. מען קומט ווייזן, אַז מען פאַרשטייט אַן ענין...

אַזוי ענדיקט זיך אַ זונטאָגדיקער טאָג אין אַרבעטער־רינג.





# די פּועלי ציון אין דער צייט פון דער היסטאָרישער פאַרווירקליכונג

די פאַרווירקליכונג פון אונזער כמעט 2.000־יאָריקן חלום פון אַ מדינה פאַר אונזער פאָלק, אין אונזער אַלטן היסטאָרישן לאַנד, ארץ ישראל, האָט געשטעלט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און מיט איר, די פּועלי ציון פּאַרטיי, אַלס אַ חלק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די גלות לענדער, פאַר נייע פּראָבלעמען. אויך די פּועלי ציון פּאַרטיי אין ענגלאַנד מוז זיך אָפּגעבן דין וחשבון איבער די אַרבעט וואָס איז געטון געוואָרן אין דעם און לייגן דעם יסוד ניט נאָר פאַר אַ פאַרשטאַרקטן אַקטיוויטעט, אָבער אויך פאַר אַ אַקטיוויטעט וואָס וועט זיין צוגעפּאַסט צו דער נייער היסטאָרישער עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן.

די פּועלי ציון אין ענגלאַנד קען מיט שטאָלץ זאָגן אַז איר אַרבעט אין דעם יאָר תש״ח איז געווען אַ גוטע און געבראַכט פּירות, טראָץ די שוועריקייטן וואָס זי האָט געהאַט דורכצומאַכן אַ דאַנק איר פאַרבינדונג מיט דער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי. די מיטגלידערשאַפט הן פון דער פּאַרטיי, הן פון דער יוגענד אָרגאַניזאַציע, צעירי פּועלי ציון, איז געוואַקסן און באַזונדערס אין לאָנדאָן האָט זיך די אַנצאָל פון די גרופּען פאַרמערט. אַ נייע ערשיינונג אין דעם אָרגאַניזאַטאָרישן בילד פון דער פּועלי ציון איז די ציוניסטישע פרויען אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, נאָך דעם מוסטער פון דער פרויען פּיאָנערן אָרגאַניזירט אין אַמעריקע מיט 300 מיטגלידער.

אין לאָנדאָן האָבן ניט נאָר די סניפים אין נאָרט־וועסט, מזרח לאָנדאָן, צפון לאָנדאָן און אין דרום לאָנדאָן געאַרבעט — אַ סך הכל פון 14 לאָנדאָן סניפים—אָבער אויך דער לאָנדאָנער קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט צוויי יאָר צוריק און וואָס באַשטייט פון פאַרטרעטער פון די לאָנדאָנער סניפים, אַ פרוכטפולע אַרבעט געלייסטעט. צוויי אַרבעטס צווייגן פון דעם לאָנדאָנער קאָמיטעט פאַרדינען גאַנץ באַזונדערס אונטערשטראָכן צו ווערן: פאַרזאַמלונגען אין דער פרייען גאַס אין דעם פאַרגאַנגענעם זומער וואָס האָבן געצויגן הונדערטער מענטשן יעדן זונטאָג און אויך אין דער מיטן פון דער וואָך אין מזרח־און אין צפון לאָנדאָן; און די ייִדישע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען אין דעם צענטער פון לאָנדאָן. פאַראַנשטאַלטונגען וואָס האָבן זיך קונה שם געווען ביי אַלע וואָס זענען אינטערעסירט אין דעם קולטורעלן שאַפן פון אונזער פאָלק אין העברעאיש און אין ייִדישער שפּראַך.

דער ערפאָלג פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אויף דעם געביט פון שקלים אין דעם יאָר תש״ח איז איינציק. די פּועלי ציון איז די איינציקע ציוניסטישע פּאַרטיי אין ענגלאַנד, וואָס האָט דערגרייכט דעם רעקאָרד פון מער פון 10.000 פאַרקויפטע שקלים פאַר דעם ניט־קאָנגרעס יאָר תש״ח.

אויף דעם געביט פון פובליקאציעס האָט די פּאַרטיי אונטערגענומען אַ פּאַרזוך מיט דעם אַרויסגעבן פון דער צוויי־וואָכיקן צייטונג „דער יידישער אַוואַנגאַרד" וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג פון אַלע וואָס זען אין דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק די ריכטיקע ענטפער צו אונזער אלטן גלות פּראָבלעם. אויך די צייטונג פון דער יוגענד, „דרכנו" קען פאַרצייכענען מיט צופרידנקייט אַ גרעסער פאַרברייטונג און עס איז קיין ספק ניט, אַז זי האָט בייגעטראָגן צו פאַרשפּרייטן דעם פועלי ציון געדאַנק אין די שורות פון דעם יידישן יוגענד אין ענגלאַנד.

אַלע די אַקטיוויטעטן זענען אָנגעגאַנגען אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער אַרבעט און אנדערע פונקציעס וואָס זענען ענג פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פון אַ פּאַרטיי ווי די פועלי ציון. אַלע די אַרבעטן זענען אָנגעגאַנגען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, אין תש״ח, אין ערשטן יאָר פון דעם ווידער־ענטשטאַנענעם ישראל אלס די יידישע מדינה, ווען מדינת ישראל האָט געהאַט צו קעמפן מיט לייב און לעבן פאַר איר עקזיסטענץ. איצט שרייבן מיר תש״ט. געוויס האָט אויך איצט מדינת ישראל ניט קיין רו און דאָס ווידער אויפפלאַקערן פון דער מלחמה איז ניט אויסגעשלאָסן. אָבער תש״ט איז ניט תש״ח. מדינת ישראלאָס פּאָליטישע לאַגע איז אַ בעסערע און איז אינטערנאַציאָנאַל געפעסטיקט, ניט צום ווייניגסטן דאנק דער אַנערקענונג פון מדינת ישראל דורך ענגלאַנד און דעם מערב בלאָק, ברוך השם. מיר קענען איצט רעכנען מיט אַ ישראל פאַר תמיד און דאָס הייסט, אַז די אַרבעט פון דער פועלי ציון מוז זיך דערויף איינשטעלן.

ווער עס איז אַקטיוו אין דער ציוניסטישן באַוועגונג ניט פון נעכטן אָן, מוז באַמערקן אַן אונאָנגענעמער ערשיינונג אין די באַציאונגען פון דער יידישער מאסע לגבי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַן אונטערשיד פון דער פּאַרטיי. אויב דאָס ציל פון דער ציוניסטישן באַוועגונג איז, לויט דעם באַזעלער פּראָגראַם „צו שאַפן אַ עפנטלעך־רעכטלעכן היימשטאַט פאַר דעם יידישן פאָלק אין ארץ ישראל", טענה׳ן זיי, — דאָס ציל איז דערגרייכט געוואָרן מיט דעם פּראָקלאַמירן פון מדינת ישראל און דערמיט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איר היסטאָרישע פונקציע דערפילט... עס איז נויטיק דעם גרויסן עולם צו ערקלערן און זיי ווידער דעם אלף־בית פון ציוניזם בייצוברענגען, אַז דאָס באַשטיין פון ישראל אלס אַ יידישע מדינה איז דער ערשטער שריט, דער זער, זער וויכטיקער, אָבער דאָך נאָר דער ערשטער שריט פון ציוניזם וואָס וויל ליקווידירן דעם גלות און צו באַזעצן מיליאָנען יידן אין ישראל און אַזוי מאַכן פון ישראל ארץ ישראל. און מיר זענען נאָך זער ווייט פון דעם ציל און דערפאַר מוזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס ווייטער פונקציאָנירן.

ישראל איז אונזער מדינה, די מדינה פאַר גאַנץ ישראל, אויך פאַר די יידן אין גלות, ווייל דער גלות איז נאָר לפי שעה. אויך ווען ער וועט דאָ און דאָרט נאָך מוזן דויערן אַ דור אָדער צוויי דורות. און ווייל עס איז אַזוי, ווייל ישראל איז אונזער היים, אונזער און אונזערער קינדערס צוקונפטיקע היים, מוזן מיר



וויסן וואָס עס גייט דאָרטן פאָר — און מיר מוזן מיט אַלע כחות אַרבעטן און אונטערשטיצן די היים, און די וואָס בויען די היים — די אַרבעטערשאַפט אין ישראל.

די געפאַר פון צוויי יידנטומען: אַ ישראלדיקן און אַ חוץ־לארץ׳דיקן מוז מיט אַלע כחות פאַרמידן ווערן. עברית איז די שפּראַך פון ישראל. כדי צו פאַרשטיין די פרעסע פון ישראל און כדי צו האָבן, אַפילו נאָר אַ פּאַסיוון חלק אין די קולטורעלע שאַפונגען פון ישראל, מוזן מיר פּראָפּאַגירן עברית און אַראַנזשירן פונקציעס ווו דאָס ישראלדיקע שאַפן זאָל נאָך מער ווי ביז איצט באַקאַנט געמאַכט ווערן דער גרויסער יידישער מאסע, אַזוי אַז זיי זאָלן עס באַטראַכטן אַלס אַ חלק פון דעם שאַפן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

די מאַסע, דעם המון, קען מען אָבער נאָר באַקומען, ווען מען גייט צו אים. סיי אין לאָנדאָן און אוודאי אין די פּראָווינצעס זענען פאַראַן קהלות וואָס האָבן דאָס פועלי ציוניסטישע וואָרט נאָך ניט געהערט און עס איז אונזער אויפגאַבע עס צו זיי צו ברענגען.

און ביי דעם פונקט מוזן מיר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז די פּאַרטיי האָט די שפּראַך, וואָס ווערט נאָך געשפּראָכן און נאָך מער פאַרשטאַנען פון אַ זער, זער גרויסן חלק פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ענגלאַנד, נעמליך יידיש, פאַרנאַכלעסיקט. יידיש טאָר ניט באַהאַנדלט ווערן אַלס אַ שטיף־קינד. יידיש, מיט גרויס דרך ארץ פאַר עברית איז נאָך אַלץ די שפּראַך פון יידישע מאַסן און וועט נאָך זיין אויך אין דער צוקונפט די שפּראַך פון יידישן שאַפן אין גלות און אין ארץ ישראל. נאָר עם־הארצים קענען די ראָלע פון יידיש אין וועלכער עס איז אַזוי פיל געשאַפן געוואָרן און אין וועלכער עס איז אַזויפיל ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג צו דער יידישע מאסע באשר הם שם געבראַכט געוואָרן — ניט פאַרשטיין און זי אָוועקמאַכן איצט. די פּאַרטיי מוז אַלע מיטלען אונטערנעמען איצט און גראַדע איצט און צו די יידן אין ענגלאַנד רעדן אויך אין דער שפּראַך, וואָס זער פיל יידן רעדן און ווילן, אַז מען זאָל צו זיי ריידן.

ענדלעך מוז זיך די פועלי ציון אין ענגלאַנד באַוווסט זיין אויף איר ראָלע אין דער ציוניסטישער וועלט באַוועגונג. עס טאָר גאָר נישט געשיין אין דער ציוניסטישער וועלט באַוועגונג, וואָס שטערט און קען שטערן אונזער אַרבעט דאָ. אַזעלכע מעשים ווי די פאַרלעגונג פון דעם 23טן קאָנגרעס וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען תש״ח און איז אָפּגעלעגט געוואָרן אויף תש״ט און איצט ווידער אויף ת״י, טאָר ניט פאָרקומען, ווייל עס איז ניט בכבודיק און שוואַכט אָפּ דעם איינפלוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס אַזעלכע.

מיר זענען איבערצייגט, אַז די פועלי ציון באַוועגונג אין ענגלאַנד, וואָס האָט געלייסטעט אַזאַ ערפאָלגרייכע אַרבעט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, וועט אויך אין דעם קומענדיקן יאָר ערפילן אירע אויפגאַבן, נייע און שווערע אין דעם אינטערעס פון ישראל און מדינת ישראל.

## מ. אלמאַן

# קלייניקייטן

### אַן ענטפער דיסקוטאַנטן

אין דער יידישער פרעסע פון פאריז פירט זיך לעצטנס אַ לעבהאפטע דיסקוסיע וועגן אויפלעבן די יידישע שפראך אין ישראל. בײדע צדדים, די אנהענגער פון העברעאיש און — יידיש שמועסן צווישן זיך אזוי פריינטלעך, אַז ס׳דאכט זיך ס׳איז קלאר ווי דער טאג, לעבן העברעאיש וועט יידיש זיין די צווייטע שפראך פון די יידן אין ישראל...

קומט די „צייט" פון לאנדאן, פון 18־טן פעברואר ה.י. און ברענגט אַ קורצע ידיעה פון תל אביב, וואס איז ווי אַן ענטפער די דיסקוטאַנטן. נעמלעך: „פונם קולטורעלן דעפארטמענט אין ישראל ווערט אנגעגעבן, אַז דאס לערנען העברעאיש די ניי־אנגעקומענע אימיגראנטן וועט קאסטן דער ישראל רעגירונג 120,000 פונט אַ יאר. דער זעלבער דעפארטמענט פלאנט אויך ארויסצוגעבן אַ טעגליכע צייטונג פאר ניי־אנגעקומענע מיט איבערזעצונגען אין פארשידענע שפראכן, מעגלעך ענגליש, פראנצויזיש און דייטש".

ס׳איז גענוג קלאר. אפילו דייטש!...

### באַגייסטערונג פאַר יידיש

דאס יידיש־קולטורעלע ענגלאנד האט געהאט דאס מזל זיך צו באטייליקן, דורך שיקן פארשטייער, אין די קולטור־צוזאמענפארן אין פאריז און אין ניו יארק. מ׳האט דעריבער דערווארט, אַז ׳ווען ס׳וועלן זיך אומקערן אויף זייערע ערטער די דעלעגאטן, וועט זייער ענטוזיאזם און באגייסטערונג פאר דער יידישער שפראך און ליטעראטור באַשטראלן אונדזער ארום און ס׳וועלן זיך באווייזן פרישע שפראצונגען אויפן יידיש קולטורעלן פעלד...

איז אבער געשען אַן אומנאטירלעכע דערשיינונג אין מאנטשעסטער. אייננער פון די חשובע דעלעגאטן צום קלטור־קאנגרעס אין ניו יארק האט נאכן צוריקקומען קיין ענגלאנד איבערגעגעבן דאַ (חלילה נישט קיין באריכט פון קאנגרעס) איינדרוקן פון זיין רייזע קיין אמעריקע אין דער ענגלישער שפראך.

ווי ושע איז די באגייסטערונג פאר יידיש?

### אַ ריכטיקער פאַרשלאַג

אין „ארבעטער רינג", אפיציעלן ארגאן פון א.ר. אין לאנדאן פון יאנואר ה.י. געפינען זיך אין ארטיקל וועגל דער צוקונפט פון ארבעטער־רינג פארשיידענע וויכטיקע פארשלאגן, אפילו וועגן „זארגן זיך (חלילה נישט עפענען תיכף) פאר אַ יידיש וועלטלעכע קינדער שולע".

אינם זעלבן ארטיקל איז אויך אנגעגעבן אַ פארשלאג, אונטערן נר. 8 וועגן: „אויפנייען און אויפבויען פון ארבעטער־רינג הויז".

אַז לאנדאן וואלט געהאט אַ יידישע פאלקסשול, וואלט אפילו דער בחור הזעצער זיך נישט אונטערגענומען אויפנייען דאס ארבעטער־רינג הויז.

אַ יידישע שול — אַ ריכטיקער פארשלאג.



# יידישער ארבייטער הילף קאמיטעט

**חשובער רעדאקטאר,**

**מיר בעטן אייך אפצודרוקן דעם בייגעלעגטן באריכט, און דאנקן אייך פאראויס פאר דעם פלאץ וואס איר וועט אונז געבן אין אייער חשובן זשורנאל.**

---

שבת דעם 8טן יאנואר 1949, איז אפגעהאלטן געווארן אַ צוזאמענקונפט אין הויז פון חברטע פאדאלסקי, 106 דארטמוטה רויד, נ.וו.2., גערופן פון דעם יידישן ארבעטער הילף קאמיטעט. די פאלגענדע אינסטיטוציעס האבן געשיקט זייערע דעלעגאטן: גארמענט ווארקערס יוניאן; פריינט ראלין; ארבעטער רינג בראנטשעס: פריינט קראמער; פרויען סעקציע: פריינט מרס. סאלאמאן; ייווא: פריינט פינעס; „לשון און לעבן": פריינט שטענצל; פריינט פון יידיש לשון: פריינט פאלושאק; פרייע ארבעטער שטימע: פריינט מייקעלס; סקערניוויצער לאנדסמאנשאפט פארײן: פריינט לעמעל; און איינצעלנע פריינט און סימפאטיזירער, צווישן זיי דער יידישער דיכטער איציק מאנגער.

אין אַן אנגענעמער חברישער אטמאספערע, ביי אַ שיין צוגעגרייטע טיי, האט דער פארזיצער חבר קלאק באגריסט די דעלעגאטן, און אנגעוויזן די אורזאכן פאר צונויפרופן דעם צוזאמענקונפט. ער האט אין קורצן געמאכט אַ סךהכל פון די דערגרייכונגען, מיט באגרעניצטע מיטלען, וואס דער קאמיטעט האט באוויזן צו טון, און דער חוב וואס ליגט אויף די יידישע ארבעטער מאסן אין דעם לאנד, צו העלפן דעם קאמיטעט צו פארברייטערן די טעטיקייט, וועלכע איז דריי יאר נאך דער באפרייאונג פונקט אזוי נייטיק ווי ס׳איז דעמאלט געווען. ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף דער פארצווייגטער טעטיקייט פונם קאמיטעט, ניט נאר אין מאטעריעלער הילף נאר אויך קולטורעל, באזונדערס יידיש קולטורעל. אונזער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאציע, די זארג פארן קיום־האומה, דאס אויפהאלטן פון נאציאנאלן באשטאנד פון יידישן פאלק, אויפן פלאץ וואו יידן לעבן היינט צו טאג. די פארשטארקונג פון אלע ארטן פון קולטור טעטיקייט מיט דער יידישער שפראך, באזונדער צווישן דער יוגענד און אונזערע קינדער.

דער סעקרעטאר חבר עלשטיין האט איבערגעגעבן א קורצן באריכט פון אקטועלע זאכן וועלכע זענען אריבערגעשיקט געווארן אין פראנקרייך און אין בעלגיע, אין פוילן און אין די ד.פ. לאגערן, וועלכע זענען באשטאנען הויפטזעכלעך פון מעדיצינישע און דענטיסטישע אינסטרומענטן, דעקעס (קאלדרעס), שפייז פעקלעך און ביכער, ווי אויך מוזיקאלישע אינסטרומענטן און געצעלטן. ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף די שוועריקייטן וועלכער דער קאמיטעט האט כדי צו באקומען די נויטיקע ביישטייערונגען פון פריינט, אום צו דערמעגלעכן די הילף פאר אונזערע חברים ארבעטער אין אייראפע.

חבר פאדאלסקי, דער קאסירער, האט דאן אפגעגעבן דעם פינאנציעלן באריכט, דער באלאנס־שיעט, וועלכער איז באשטעטיקט דורך א טשארטערד־

אַקאונטאַנט, איז געוויזן געוואָרן, אַז די ציפער פון איינקונפט און אויסגאַבן דורכגעלעזן געוואָרן. ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף די אויסגאַבן, מיט וועלכער מי און פאַרזיכטיקייט, דער קאָמיטעט האָט געזאָרגט פאַר איינקויפן די זאַכן וואָס מען האָט אַוועקגעשיקט, און מיט וויפיל ליבשאַפט מען האָט געקויפט די אַבסאָלוט נויטיקסטע און אָביעקטיווע ווי אויך די בעסטע קוואַליטעט זאַכן פאַר די ביליקסטע פרייזן.

דער פאַרזיצער האָט דאַן איינגעלאַדן די פאָרשטייער פון די אויבן אויסגערעכנטע קערפּערשאַפטן, זיך אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען און פאָרשלאָגן פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער אַרבעט פונם קאָמיטעט.

חבר ל. פינעס פון ייווא, האָט זיך דערקלערט זער שטאַרק פאַר דער אונטערשטיצונג פאַר דער ארבעט וואָס די מיטגלידער פונם קאָמיטעט פירן אָן. זיי טוען די אַרבעט מיט אַן אידעאַליסטישער איבערגעגעבנקייט און פאַרדינען דעם גרעסטן צוטרוי. ער קריטיקירט אָבער דעם קאָמיטעט פאַרן אַריבערברענגען קינדער פון פראַנקרייך און בעלגיע, ווען די געלט וואָס מען גיט אויס פאַר דעם וואָלט זיי בעסער און מער געהאָלפן דאָרטן אין זייערע קינדער היימען. חבר קראַמער האָט באַוואונדערט די דערגרייכונגען פון אַזאַ קליינע גרופּע מענטשן, און האָפט אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט וועט אונטערשטיצן די וויכטיקע אַרבעט וועלכע באַדאַרף אָן צווייפל ווייטער אָנגעפירט ווערן. ער האָפט אַז דער קאָמיטעט וועט רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע אַרבעטער און קולטור אינסטיטוציעס, און מיט דעם דערמעגלעכן צו שאַפן אַן אויסגעברייטערטן און גרויסן קאָמיטעט.

עס זאָגן זיך נאָך אַרויס אין זעלביקן גייסט די חברים לעמעל, פון סקערניוועדער לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין, מרס. סאלאמאן פון פרויען סעקציע, חבר שטענצל און חבר פּאָלושאַק. די לעצטע האָבן באַטאָנט, אַז זיי האָבן שטענדיק געשטיצט די אַרבעט פון קאָמיטעט, און שטענדיק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דער אַרבעט. זיי שטייען אימער גרייט צו געבן די פולע שטיצע סיי דורך דעם זשורנאַל „לשון און לעבן“, סיי דורך זייער פאַראיין פריינט פון יידיש לשון.

ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג, אַז דער קאָמיטעט זאָל רופן אַזאַ קאָנפערענץ אין דער נאָענטער צוקונפט.

**י. ו. פּאַראַלסקי.**

„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם“
די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפּאַרב

צו באַקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פּרייז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.



## א. מייזעלס

# דאָס „ניי יידיש טעאַטער“

אין דער לעצטער אויסגאַבע פון „לשון און לעבן“ האָט זיך מר. פּאַלמע צוגאָסן אין „השתפכות הנפש“ איבער די בויער און גרינדער פון „ניי יידיש טעאַטער“ און „פאָלקס־הויז“, אָבער דערביי האָט זיך מר. פּאַלמע אַביסל אויסגעגליטשט מיטן אמת. קאָן זיין, אַז ער האָט נישט אַלץ געוווּסט. אָדער האָט ער מאַנכעס פאַרגעסן אַז איך וועל מיר דערלויבן אים צו דערמאָנען, ניט דערפאַר ווייל ער האָט מיין נאָמען פאַרשוויגן, עס וועט אים גאָר ניט נוצן דאָס פאַרשווייגן, וואָרים די יידישע שרייבער וועלכע זיינען געשטאַנען ביים וויגעלע פון „פאָלקס־הויז“ בכלל און דער יידישער טעאַטער עולם בפרט, ווייסן גאָר גוט, אַז איך בין געווען דער יעניקער, וועלכער האָט דאָס טעאַטער געבראַכט ביז צום קויפן פון „אַלעקס טעאַטער“. אָבער לאָמיר גיין מיט אַ סדר, ווייל דאָס איז טעאַטער היסטאָריע.

ווען איך“ בין אָנגעקומען אין 1938 קיין לאָנדאָן, האָב איך באַלד איבערגענומען דעם פּלאַץ פון ערן־סעקרעטאַר אין דער „בית ציון“ און מיין ערשטער פאַרשלאַג איז געווען צו שאַפן אַ „בית־עם“, ווייל אָן אַ היים קאָן קיין אָרגאַניזאַציע ניט אַנטוויקלען איר טעטיקייט.

ביי דער הזכרה פון וואָלף זילבערבערג, האָט מר. ביטלער באַשלאָסן צו העלפן עפענען דאָס טעאַטער „גרענד פּאַליי“ און עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָט מען פאַרופן אַ זיצונג אין „רידזשענט האָטעל“, ביי וועלכע עס איז אַנוועזנד געווען מאָריס מייער ע"ה, שאַרפּשטיין ע"ה, מר. און מרס. נייטען ביטלער, מר. סערעס, מר. מאַרקאָוו, מרס. טאָפּעל און איך. דעמאָלט האָט זיך געגרינדעט דער פאַריין „פריינט פון יידישן טעאַטער““.

דורך דער צייט פון לויפנדיקן יאָר, האָבן מיר צוגעגרייט די עפענונג פון טעאַטער אין אַדלער סטריט. שקלאָוו ע"ה האָט געאַרבעט אַלס דער ענגלישער סעקרעטאַר און איך אַלס יידישער און קנאַפּ פאַרן אויפמאַכן דעם טעאַטער האָב איך דורך פערזענלעכע סיבות פאַרלאָזט דאָס „פאָלקס־הויז“ און האָב צוזאַמען מיט מאיר צעלניקער געעפנט דעם טעאַטער „גרענד פּאַליי“. און דער נאָמען פון דעם טעאַטער איז געווען — ניט ווי איר שרייבט — „ניי יידיש טעאַטער“, נאָר „לאָנדאָן יידיש פאָלקס טעאַטער“.

עס זענען געקומען קיין לאָנדאָן די פליענדיקע באָמבעס און ראַקעטס. זיינען ביידע טעאַטערס אַרויס אין דער ענגלישער פּראָווינץ. אין גלאַסגאָו האָט מר. נ. ביטלער געבראַכן מיט מר. מאַרקאָוו און פאַרלאָזט דעם טעאַטער. אין חודש אָקטאָבער בין איך מיט דער שוישפּילערין קלאַראַ מייזעלס צוריקגעקומען אין לאָנדאָן און פריינט האַרענדאָרף האָט אַראַנזשירט אַ צוזאַמענקונפט צווישן מיר און מר. ביטלער. מיר האָבן באַלד באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג פון חשובע כלל טוער און ביי א. מ. קייזער אין הויז איז פאַרגעקומען דאָס באַגעגעניש. צווישן אַנדערע זענען אויך אַנוועזנד געווען מר.

הערדי מייער, גאָלדשוויג, האַרנדאָרף, מרס. קאָלדאָווסקי א.א. דעמאָלט איז באַשלאָסן געוואָרן ווידער צו עפענען דעם יידישן טעאַטער אין אַדלער סטריט. דעם נאָמען „ניי יידיש טעאַטער“ האָב איך פאָרגעשלאָגן. איך האָב אויך באַלד דאַרויף דראַמאַטיזירט י. ל. פרץ׳ס „דריי מתנות“ און אַזוי ווי אַלע אַקטיאָרן אָן אויס נאָם זיינען געווען אין פּראָווינץ, האָט מען באַשלאָסן אַלע איינצולאָדן, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער מיטאַרבייט פון „ניי יידיש טעאַטער“. פריינט פּאַלמע איך געדענק נאָך גוט די חוזק תשובה פון מר. מאַרקאָוו צו אונזער איינלאַדונג...

די איינציקע יידישע אַקטיאָרן זענען געווען קלאַרא מייזעלס, פּעלאַ פעלד און שלמה קאָהן. מיר האָבן אַנגאַזשירט אַ דייטשן רעזשיסאָר און פאַרשיידענע פּליטים שוישפּילער פון טשעכיע, ווין און דייטשלאַנד און נאָך וואָכן שווערער אַרבייט מצד מר. הערדי מייער וועלכער האָט זייער פיל צייט דער אויפפירונג געגעבן, שלמה קאָהן און איך, האָבן מיר אַרויסגעבראַכט אַ ווונדערלעכע פאָרשטעלונג. „די צייט“ האָט אַ ריי אַרטיקלען איבער דער אויפפירונג פון פאַרשידענע שרייבער געדרוקט און די ענגלישע פּרעסע האָט געשריבן „אויב מען וויל זען אַ קינסטלערישע פאָרשטעלונג, קאָן מען זי זען ניט אין דער וועסט ענד, נאָר אין קליינעם טעאַטער אין דער איסט ענד. (די קריטיק פון „לשון און לעבן“ איז געווען נעגאַטיוו).

נאָך דריי חדשים איז צוגעקומען מאיר צעלניקער און אונטער זיין קינסטלערישער לייטונג און מיין אָנפירונג האָבן מיר אַרויסגעבראַכט פּרעכטיקע אויפפירונגען. אמת, מען האָט געשפּילט ס׳רוב אָפּערעטן, אָבער פון צייט צו צייט האָבן מיר געשפּילט שלום עליכם, פּינסקי, אַנ־סקי, דימאָוו, גאָלדפאַדן, שעקספּיר, און פון ענגלישן דראַמאַטורג דזשיימס ברידי „טאָבי און דער מלאך“ א.א.

ווען די יונייטעד סינאַגאָג האָט אָפּגעקויפט דעם טעאַטער בנין אין אַדלער סטריט, איז די קאָמפּאַני געפאָרן קיין גלאַסגאָ פאַר צוויי וואָכן. בשעת זייער אָבוועזנהייט, האָב איך צוגעגרייט דעם קאָנטראַקט מיטן אַלעקס טעאַטער און אַזוי ווי מר. ביטלער האָט ניט געוואָלט אויף זיך נעמען אַזאַ משא, האָט דעם קאָנטראַקט באַדאַרפט אונטערשרייבן מאיר צעלניקער פאַר אַ חברים טרופּע. אָבער אין גלאַסגאָ איז זיך די טרופּע צופאַלן און דערוויסנדיק זיך, אַז צעלניקער נעמט דאָס אַלעקס טעאַטער, האָט זיך מר. ביטלער מקדים געווען און אָפּגעשלאָסן דעם קאָנטראַקט.

פריינט פּאַלמע איר האָט אייך אויסגעגליטשט. אָט די אַלע געשייענישן קאָן איך — אויב נויטיק — באַווייזן. עס וועט אייך גאָר ניט נוצן וואָס איר ווילט מיין שווערע אַרבייט פאַרן טעאַטער אין לאָנדאָן, אַריינרוקן אין אַנדערע שיך. איך בין אַרויס פון טעאַטער דורך הינטער קוליסן פּאָליטיק, איך האָב ניט געקאָנט צו אַלץ מסכים זיין. ביים גאַסטשפּיל פון אידאַ קאַמינסקאַ, וועלכעס איז אַזוי שרעקלעך צוזאַמענגעבראָכן, האָב איך שוין דעמאָלט פאַרלאָזט דעם טעאַטער, ווייל איך האָב ניט געוואָלט אַרויסגיין פאַרן עולם און אָנאָנסירן,



אַז אידאַ קאַמינסקאַ ענדיקט און קומענדיקע וואָך וועלן מיר שפּילן די אָפּערעטע „חלומות פון ליבע“, אָבער ווייל איך האָב דעמאָלט פאַרהאַנדלט מיט לעאָ פוקס, האָט מען זיך מיט מיר „איבערגעבעטן“, כדי אין דער רעכטער צייט מיך אַרויסצושטעלן. אידאַ קאַמינסקאַ האָט געמוזט אָנקלאָגן איר קאָנטראַקט אין דער „בריטישער אַקטיאָרן יוניאָן“ און זי האָט דעם פּראָצעס געוואונען. אין אַ אינטערוויו אין פּוילן, האָט זי דאָס יידישע קולטור לעבן זייער שוואַרץ אָפּגעמאָלן, אַ דאַנק דער פיינער באַהאַנדלונג וואָס זי האָט באַקומען אין אַלעקס טעאַטער און קיין אַקטיאָר האָט פּראָטעסטירט. איך אָבער האָב דאָס יאָ געטון און מקריב געווען מיין עקזיסטענץ.

אונטער מיין אָנפירונג זיינען מיר געשטעלט געוואָרן אונטערן „בריטישן אַרטס קאָונסיל“, איז דער טעאַטער נאָך איצט אויך אַ מיטגליד פון „קאָונסיל“? דורך מיין פירונג האָב איך ביים אוועקגיין פון טעאַטער צוריקגעלאָזט אַ גאָר גרויסן קאַפּיטאַל, ווי אַזוי שטייט היינט דער טעאַטער מאַטעריעל? מילא קינסטלעריש זען מיר.

פאָלקס־הויז? וויפיל דין וחשבון האָט דאָס פאָלקס־הויז געגעבן דער יידישער עפנטלעכקייט? מיט וויפיל יאָר צוריק איז געווען די לעצטע עפנטלעכע גענעראַל פאַרזאַמלונג? איר באַקלאָגט אייך, אַז „די יידישע אינטעליגענץ איז אַלץ געבליבן אין דרויסן“. צו איז אייך ניט באַקאַנט דער ציר־קולאַר בריוו 5 פון חודש מאי 1948 פון יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן פאַריין, אין וועלכן זיי לייגן אַרויף אַ מאָראַלישן חוב אויף זייערע מיטגלידער, אַז זיי זאָלן ניט האָבן קיין שום מגע ומשא מיטן אַלעקס טעאַטער, פאַר זיין נבזהדיקער באַציונג לגבי יידישע שרייבער? פאַרוואָס האָבן די פירער פון פאָלקס־הויז נישט דעם מוט צו רופן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג און צו געבן דין וחשבון פאַר דער געטוענער קינסטלערישער אַרבייט? אויב דאָס ווערט ניט געטון איז דאָס אַ קרעמל און קיין שום קרעמער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען כבוד פון דער יידישער עפנטלעכקייט.

איך וויל אייך ניט נאָכווייזן שורה ביי שורה ווי ניט אָביעקטיוו איר זייט מר. פּאַלמע, אָבער נאָך איינס: איר שרייבט: „עס זיינען געווען אָט די צוויי ענערגישע מענטשן נייטן ביטלער און מאַרק מאַרקאָוו, וועלכע האָבן פאַרצעמענטירט די אידייע פון וועלן האָבן אַן אייגענעם בנין און ער איז דאָ“. טאָ הערט, ווען איך בין געווען מיט מר. ביטלער אין אַמעריקע וועגן שאַפן מיטל פאַר אַ טעאַטער אין דער איסט ענד, האָט מר. מאַרקאָוו וועלכער האָט דעמאָלט געשפּילט אין גרענד פּאַליי, געשריבן אַ בריוו צו מר. גוסקין פּרעזידענט פון יידישן אַקטיאָרן פאַריין אין אַמעריקע, אַז צוויי מענטשן וועלכע האָבן ניט קיין שייכות מיטן טעאַטער זענען געקומען זאַמלען געלד א.א.וו. אָט דאָס איז אייער צעמענט מר. פּאַלמע.

איך האָף, אַז אַ צווייט מאָל וועט איר זיין מער פאָרזיכטיק ביים שרייבן, ווי זאָגט מען עס „טרעט נישט אַן דער קאַטשערע, וועט זי דיך ניט צוריק שלאָגן“...

## 1. י. ל. פרץ-פייער און 10 יאר יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

דער דאטום פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס זייער יסוד. דער טאג פון זייער גרינדונג איז געווען דער י. ל. פרץ־יארצייט־טאג 1939. און י. ל. פרץ איז אויך דער רוקן־ביין, דער חוט השדרה פון אונזער באשטיין און חברשן פארבינדן זיין; זיין פרצעס שיטה, זיין קולטור־ווילן, זיין נאציאנאלע־און סאציאלע־אויסגעהאלטנקייט, איז אויך דער כוח, וואס מיר האלטן אויס אנצוגיין די אלע יארן מיט אונזער מי־פולע אקער־ארבעט אויף אזא נישט גינסטיקן באדן — א גייסטלעך און גייסטיק טרעמען!

צו דערציילן פון די 10 יאריקע טעטיקייט פון ד.י.ל.ש.נ. הייסט אויפדעקן די קולטור־נאקעטקייט פון א גאנצן ישוב אין די באשיידנקייט און שעמעוודיקייט פון אייניקע יחידים, וואס מיט א צוויי דריי צונויפגעדזשאבעטע שבת־דיקע שעה ווילן זיי פארריידן און פארדעקן די שאנד.

בכל־אופן, דער דאטום חומ״פ 1939, די יארצייט פון י.ל. פרץ, איז געווען דער ערשטער יידיש־ליטעראַרישער שבת נאכמיטאג, און זייט דעמלט גייט עס אן איבעררייס, מדי שבת בשבת. דערפאר איז זעלבפארשטענדלעך, אז אלע יאר, ווען עס קומט דער שבת חומ״פ, קומט דער נאכמיטאג אויס פייערלעך און געהויבענער — די שמחה איז א דריי־פאכיקע! אונזערע רעציטאטארן און רעפערענטן גרייטן זיך שוין מיט זייערע פרץ־רעציטאציעס און רעפעראטן, וואכן פארויס, ד.ה. די „שלושים יום קודם הפסח“, זיינען שוין די שבתים כמעט אויסגעפולט מיטן שאפן פון י.ל. פרץ; די דאזיקע צוגרייטונגען זיינען שוין פייערלעכע.

דעם הויפט־רעפעראט אין עצם היום פון די פרץ־פייערונג, האט דאס מאל געהאלטן שלמה אויערבאך. אויף דער טעמע: י. ל. פרץ דער דערציילער אין העברעאיש. מיר האבן דאס טעמע געוויילט, ווייל א מין גרינגשעצונג צו דער פערזענלעכקייט פון דעם גרויסן קלאסיקער אונזערן, — מצד געוויסע ציוניסטישע קרייזן און מצד געוויסע שרייבערס וואס ראבן זיך אין די דאזיקע קרייזן, ווי די פערד ביי פולע קאריטעס, — גייט א סך מאל דא איצט אן ממש ביז חלול השם. זאלן זיי וויסן, די אלע פושקע־טאבעק־קלאפערס און שמעקערס, אז פון די ברייזעלעך, וואס פאלן אראפ פון דעם רייכן פרץ־טיש, לעבן זיי. און אויערבאך, וואס איז באהאוונט און קען דעם רייכן אוצר און די פרץ ירושה אין העברעאיש, האט זיין קורצער יום־טוב רעדע באהערשט די גרויסע טעמע.

י. ביעטש האט פארגעליינט פרצעס א חסידישע מעשה, און הערנדיק ליינען די דערציילונג, — שוין נישט צום ערשטן מאל! — האט זיך געטראכט: אזוי לאקער אויפצואקערן א שטיק יידיש לעבן; אזוי קאנען זען אויף איינמאל, בדבור אחד, דעם ליכטיקן הימל איבערן קאפ; אזוי אז דאס הארץ אליין עפנט זיך אויף און ווערט קלארער טיפער הימל, און גליכצייטיק, באותו הרגע, שטיין מיט ביידע פיס אויף דער פינסטערער הארטער ערד, און פון ביידע



אויפבויען אין יידישע וועלט, אין־בית ישראל — דאס איז שעפערישער חלוציזם! דער ישראל של מעלה — —

אליהו פאלושאק, וועלכער האט שוין כמעט א חזקה מיט זיינע רעדעס אויף די פרץ־יארצייט, האט דאס מאל געהאלטן א קורצן, אבער גייסטרייכן רעפעראט איבער די פרצישע דראמעס.

אונזערע פרץ־רעציטאטארן, די שוישפילערין דארא דימאנט, וואס זייט זי ארבעט דא מיט אונז, זייט איר אהערקומען אין לאנדאן, איז איר אויפגאבע פאפולער צו מאכן פרצעס ווערק אויף דער יידישער גאס דא, און אייזיק גאלדבערג, — א יידישער הארעפאשניק, וואס אין זיין קינסטלערישן טאקט און ערנסט צו דער יידישער ליטעראטור, מעגן זיך מתקנא זיין א סך אקטיארן און שרייבער אונזערע דא אין לאנדאן, — האבן דעקלאמירט סצענעס פון דער „גאלדענער קייט“ און פונם „חופה־קלייד“ — —

עס איז געווען א גייסטיק געהויבענע שעה, ווו מיר אלע, דער גאנצער פארזאמלטער עולם, זיינען געווען רינגעלעך פון דער גאלדענער יידישער קייט; מיר אלע זענען געזעסן מיט הויך קלאפנדיקע, שטאלץ געהויבענע הערצער, שבת יום טובדיקע, צעפלאקערטע — — מיט אונזערע קעפ האבן מיר אונטערגעהאלטן אונזער סוכת דוד הנופלת!

ה. בלום האט פיין און פייערלעך געזונגען אייניקע פרץ־לידער. און אין מיינע פאר ווערטער איבער אונזער גרויסן קלאסיקער, אין מיין קורצן רעפעראט איבער פרצעס פאלקסטימלעכע דערציילונגען, האב איך באטאנט: אמתער און עכטער טאלאנט איז ליבשאפט צום פאלק, ווארים דער סך־הכל פון קינסטלעריש שאפן איז, דאס ברעקלעכווייז אויפגענומענע פונם פאלק אים צוריקצוגעבן אין איין גאנצקייט, אפילו פון זיינע חסרונות מאכן געפארעמטע שיינקייטן. און איז דען פאראן א גרעסערער ליבשאפט ווי צו זען דעם מענטש, גאנץ אים אנקוקן און מיט פרייד פון אים דערציילן, אן הינטערגעדאנקען און אן פניה, פון זיינע חסרונות, און אן קינאה און חניפה, פון זיינע מעלות.

באמת, מיר קאנען זיין שטאלץ אויף אונזער יידיש־לאנדאן, אז מיר זיינען נאך איבערהויפט פעאיק אויף אזעלכע טאקטפולע און גייסטיקע פייערונגען; אבער עס ברויך נישט צו זיין נאר די פריווילעגיע פון „פריינט פון יידיש לשון“ נאר אליין.

פאר אונז, וואס די פרץ־יארצייט איז דער דאטום פון אונזער אנהויב, פרץ׳ס שיטה דער יסוד פאר אונזער אויסהאלטן און אויסגעהאלטנקייט, — דער טאג פון אונזער חשבון־הנפש, — איז דער עונג רוחניה פון אזא געלונגענער פייערונג, שוין דער גענוגנדיקער שכר פאר א יאר מיפולער ארבעט, שוין מיט א גוטן „„אדרויף“ אויפן קומענדיקן יאר, וואס מיר האפן, אז די ארבעט וועט ווייטער אנגיין רעגלמעסיק, טראץ אלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען.

די אל־יאריקע פרץ־יארצייט, וואס מיר פייערן איז דער גרינדונג־דאטום פון אונזער באשטיין און דער פרישער אויפטאקט צו אונזער ווייטערער טעטיקייט.

## 2. 6־טער יארצייט פון אויפשטאנד פונם ווארשעווער געטא

די הזכרה פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, וואס ווערט געפייערט אין טאג פון 19־טן אפריל אין אלע יידישע ישובים, וועלכע איז הייאר אדורך, כמעט אומעטום, אין צייכן פון פארטיי־צעריסנקייט, האט דווקא דא אין אונזער ישוב געטראגן א כאראקטער פון איינקייט.

אויף א קאמיטעט זיצונג פון „פריינט פון יידיש לשון“, אויף וועלכער ס׳איז גראדע אויסגעארבעט געווארן דאס פראגראם פאר דער הזכרה, האט זיך געמאלדן א דעלעגאציע פון די „זראנדזשעס“ פונם ארבעטער רינג און מיטגעטיילט, אז זיי ווילן צוזאם מיט אונז פייערן די הזכרה פונם 19־טן אפריל.

די רעדנער ליסטע איז, נאטירלעך, אזוי פארטיילט געווארן, אז יעדע פארטיי איז געווען פארטראטן מיט איר׳ס א רעדנער. אויך האבן מיר געפונען א מעגלעכקייט, אז אי די פראגרעסיווע באטייליקטע און אי די מער פאלקסטימלעך־טראדיציאנעלע זאלן נישט פילן קיין בלויז און קיין אפשטויסונגען בנוגע דעם פראגראם.

אין דער נאכט פון 18טן אפריל, וואס גייט אויפן 19־טן, ווי אין יענעם בין השמשות, מיט 6־יאר צוריק, ווען דער אויפשטאנד האט זיך אנגעפאנגען, — איז אין דער ביבליאטעק פונם ארבעטער־רינג פארגעקומען די הזכרה. בשעת דער זאל איז שוין געווען א פול־געפאקטער, אזוי אז צענדליקער פריש אנגעקומענע האבן געמוזט אוועקגיין, האבן אונזער קאמיטעט־פרויען און פריינט־מיטגלידער געברענגט צו טראגן מעשענע בענטש־לייכטער און ליכט פון די יידישע געסלעך ארום דא אין ווייטשעפל. אזוי, אז די שטימונג אינם זאל איז שוין געווען א כל נדרידיקע.

דעם אוונט האט געעפנט דער פארזיצער פון „פריינט פון יידיש לשון“, מיט א בקשה צו די רעדנער און צום עולם: אזא הזכרה טאר בשום אופן נישט טראגן קיין שום פאליטישן אדער פארטייאישן כאראקטער, עס איז א צער וואס נעמט ארום אונזער גאנץ פאלק, און אן אויפטרייסלונג וואס האט רעוואלוציאנירט אונזער געשיכטע ביז צום יסוד, און אויך ווייל מיר וועלטלעכע יידן האבן נישט קיין באזונדערן חוש און גרויסע פעאיקייטן פאר צערעמאניעס, מוזן מיר פעאיק זיין צו א גרויסן ערנסט און טיפער כוונה וואס איז אבסאלוט נויטיק אין אזא הזכרה שעה, און אויפגעפאדערט י. ביעטש, אנצוצינדן די ליכט אין אנדענק פון די זעקס מיליאן פארטיליקטע יידן.

י. ביעטש האט געבעטן די פארזאמלטע אויפצושטיין פון זייערע פלעצער און בשעתן צינדן געזאגט ווערטער, וואס האבן זיך געגאסן ווי א תפילה פון טיפן הארצן איבער די געבויגענע קעפ פון די פארזאמלטע.

אין נאמען פון ארבעטער־רינג, פון אלע זיינע בראנדזשעס און פאליטישע פארטייען, האבן גערעדט די באקאנטע ארבעטער־טוער און פארטיי־פירער סעם דרין, עלעק וואטערמאן און מ. מינדל און צום סוף, אליהו פאלושאק.

די אלע פיר רעדנער, כאטש יעדער פון זיי איז ארויסגעגאנגען פון אן אנדערער פאליטישער השקפה, דאך האבן אלע געברענגט צום אויסדרוק,



TOWER HAMLETS LIBRARIES

אין זייערע טיף־רירנדיקע ווערטער דעם געוואלטיקן צער פון א פאלק, וואס ווערט פארטיליקט אומשולדיק און שוצלאז, און דעם העראאיזם פון א געבליבן רעשטל, וואס וויל, איידער נאך עס ווערט אויסגעראטן זיך נוקם זיין אינם שונא. אזא ברוטאלער רוצח קייגן אן אומשולדיק פאלק איז נאך זייט די וועלט שטייט נישט געווען, אבער אזא מסירת־נפשדיקער העראאיזם ווי דער ווארשעווער געטא־ אויפשטאנד, אויך נאך קיינמאל נישט... די רירנדיקע און שטארקע רעדעס זיינען כסדר און ווידער איבערגעריסן געווארן פון דעם וויינען און שלאכצן פון די פארזאמלטע.

אין צווייטן טייל פונם אוונט, אין ליטעראַרישן טייל, האט נחמן רובין רעציטירט „דאס ליד צו די הימלען“ פונם בוך „דאס אויסגעהרגעטע פאלק“ פונם דיכטער־קדוש יצחק קאצענעלסאן. עס איז א ציטער א דורך אינם זאל. די איינגעהאלטענע אטמאספערע־שטימונג אינם זאל, באלויכטן פון די יזכור ליכט, איז ממש נשתנה געווארן, בשעת רובין האט געדונערט די עפישע סטראפעס „צו די הימלען“. דער עפאס, וואס יצחק קאצענעלסאן האט געשאפן אין א קאצעט־לאגער, א רעוואלט קייגן גאט, קייגן די יצירה, האט אין זיך דעם געוואלט פון אויפשטאנד, אן יעדער מורא שוין פארן טויט, און נאך ערגערס צומאל פון טויט — — אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז עס דעם גרויסן העברעאיש־יידישן דיכטער געלונגען אריינצוגיין אין דער אייביקער אומשטערבלעכקייט מיט שאפונגען פון טויט — ברויך מען נאך א גרעסערן באווייז פאר אונזער נצחדיקן און שעפערישן המשך! און דאס דווקא האט דער העברעאישער בארימטער שרייבער און פעדאגאג געשריבן אין יידיש, אין דער שפראך פונם אויסגעהרגטן פאלק — מי כעמך ישראל גוי קדוש.

דארא דימאנט האט געליינט רירנדיקע קאפיטלעך פונם בוך „לך לך“, פונם דיכטער קדוש שאיעוויטש. די נאאיווע, כמעט פאלקסטימלעכע פערזן, פון דעם אנפאנגער פאעט, וועלכער גייט אריין אינם הייכל פון יידישער יצירה מיט זיין וונדערלעך אפגעראטעוועטן בוך, האבן מיט זייער שטילער ענוותדיקער איינפאכקייט גערירט יעדן איינעם ביז טרערן. האט דאך שאיעוויטש געוווסט, אז ער גייט מיט אלע צום טויט, און אז קיין מלאך וועט נישט אויסשרייען אין דער לעצטער מינוט „על תשלח ידך אל הנער“, האט ער דאך נאך ליבלעכע ווערטער, ווי גאט צו אברהם, געמוזט געפינען פאר זיין קינד — „יש קונה עולמו בשעה אחת“!

אייזיק גאלדבערגס ליינען די דערציילונג „די מאמעס מצבה“ פון אברהם ווייצן, איז געווען א שעדעווער — ווי איין מענטש האט די גאנצע פארזאמלונג מיטגעפילט א רגע פון רעוואלט!

צום סוף האט דער גאנצער עולם, שטייענדיקערהייט געזונגען דאס פארטיזאנער ליד „זאג נישט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן גאנג“.

עס איז קיין שום ספק נישט אז די געאייניקטקייט פון אלע שאטירונגען און פארטייען האט צוגעגעבן א סך חשיבות און ווירדע צו דעם שטילן און באשיידענעם הזכרה־אקט, לזכרון פונם ווארשאווער געטא־אויפשטאנד. ש.

## קולטור ידיעות פון לאנדאן

דעם 26־טן אפריל איז דער בארימטער מאלער יאנקל אדלער פלוצלונג געשטארבן פון א הארץ אטאקע.

דער יידישער וועלט קאנגרעס האט איינגעארדנט א גרויסע עפענטלעכע יזכור־פייערונג לזכרון פונם ווארשעווער געטא־אויפשטאנד.

ד״ר הלל זיידמאן וואס איז דא אין לאנדאן אויף זיין צוריקרייזע פון ישראל נאך אמעריקע האט געהאלטן א רעפעראט אין ליטעראטן פעריין, אויף א יזכור־אוונט צום געדעכניש פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד.

ד״ר משה מערקין פון בוענאס איירעס איז אויפגעטרעטן מיט א רעפעראט אין ליטעראטן פעראיין.

משה עובד, זייענדיק אין אַמעריקע, איז דאָרט אויפגעטראָטן אויף אייניקע רעפעראטן, און אויפגענומען געוואָרן אויף פארשידענע באנקעטן. עס ווערט דארטן געגרייט אן אויסשטעלונג פון משה עובד׳ס סקולפטורן.

ד״ר יעקב י. מייטליס אויף זיין באזוך אין פאריז האט זיך דארטן באטייליקט מיט א רעפעראט אויף א פרץ־שלום־עליכם־פייערונג.

ל. פינעס איז אפגעפארן קיין ישראל זיך דארטן צו באזעצן.

פסחקע בורשטיין און ליליען לוקס האבן גאסטראלירט אין ניי יידיש טעאטער.

מאקס פערלמאן און גיטא גאלינא, וועלכע גאסטראלירן יעצט אין לאנדאן טרעטן אויף אין אן אפערעטא תל־אביב אין גרענד־פאליי טעאטער.

דער אימפרעסאריא מ. זוסמאן האט אראפגעברענגט קיין לאנדאן דאס פאריזער רעוויו־טעאטער אויף אייניקע פארשטעלונגען.

די שערמאן־איצקאוויטש טרופע איז אויפגעטראָטן אין דער פּראָווינץ אינם ווינטער־סעזאָן, זומער וועלן זיי שפּילן אין וועסטקליף, ברייטאָן און באָרנמוט.

מ׳האט לעצטנס געפייערט אין לאנדאן דעם 60־טן יובל פונם באקאנטן ארבעטער טוער בערל ראזנער.

עס איז דערשינען א ניי בוך פון ס. פאלמע „גלאקן אין מדבר״.

די פרילינג בילדער אויסשטעלונג אין בזאורי האט זיך געעפנט פארגאנגענעם חודש.

אין דער ווייטשעפלער־ ארט־גאלעריע האט זיך געעפנט אן אויסשטעלונג: די געשיכטלעכע ענטוויקלונג פון דער איסטענד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנאַרד סטריט א.1 — 3 א זייגער)

שבת, דעם 7־טן מאי שלמה אויערבאך: די שרייבער פערזענלעכקייט יוסף חיים ברענער.

שבת, דעם 14־טן — א גרויסע ישראל פייערונג.

שבת, 21־טן — משה עובד איבער זיין רייזע אין אמעריקע.

שבת, דעם 28־טן — יוסף פרענקל: סטעפאן ווייז דער פרעזידענט פון יידישן וועלט קאנגרעס.



## א קבלת פנים פאר משה עובד

דינסטיק, דעם 17־טן מאי ל״ג בעומר, 7.30 טרעפן מיר זיך אין אונזער לאקאל 16 גראטטארעק סטר. א.1. אין „כשר רעסטאראן״ צו א קבלת פנים לכבוד משה עובד, דעם פרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון, צו זיין צוריקקומען פון זיין נסיעה פון אמעריקע, און צו אונזער טראדיציאנעלער ל״ג־בעומר פייערונג.

## א הארציקן מזל טוב

צו אונזער קאמיטעט־מיטגליד און רעציטאטאר **נחמן און פרוי רובין**
צו די תנאים פון זייער איינציקער טאכטער **בלומע** מיט **אבא לעווי**

דער קאמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון

## א לך לשלום

צו אונזער קאמיטעט מיטגליד אברהם און פרוי שפיגלמאן ווינטשן מיר א פארגעזונט צו זייער רייזע קיין אמעריקע און א צוריקקומען געזונטערהייט

דער קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון״

מיר אלע פריינט פון יידיש־לשון אויף דער מסובה לכבוד דעם 70־סטן געבוירן־טאג פון אונדזער פריינט מארקס כהן, ווינטשן אים און זיין לעבענס־באגלייטערין אריכת־ימים און א „פאר געזונט״ צו זייער רייזע נאך אמעריקע און באלדיקן זיך ווידער־זען געזונטערהייט.

י. ביעטש, א. נ. שטענצל, א. פאלושאק, מנשה ווייסגראז און פרוי, אברהם און חנה הינדע שפיגעלמאן, שלמה אויערבאך, מרס. סאלאמאן, נחמן רובין, ביטריס בעקערמאן, פרוי שטיינמעץ־מייזעלס, ב. בלום, גיסעלע און יוליס פאלושאק.

## „גלאקן אין מדבר״

א נייער בוך פון **ס. פאלמע.** באשטעלונגען פארויס ביים מחבר:

S. Palme, 193 Dalston Lane, E.8

## יענקל אדלער
## ע״ה

אונזער טיפן צער צום פלוצלונגען טויט פונם גרויסן יידישן מאלער

חבל על דאבדין ולא משתכחין

די רעדאקציע „לשון און לעבן״

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

ירושלים
לידער פּאָעמעס באַלאַדעס
אַ בוך .פון 140 זייטן
פון
א. נ. שטענצל
צו באַקומען
אין אַלע בוכהאַנדלונגען
און ווייטשעפּל
פּרייז: 7 שילינג און 6 פּענס

פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
אַרבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אַלדגייט, א.1.
יערן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יערן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
רעפעראַטן לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע
ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
ווענן אַלע אײנצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראַל-סעקרעטאַר:
ווער אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 29־טן מאַי 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי" קונסט גאַלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1.
מלכות ישראל און די שאַ-
פונגען אין ישראל
עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעפעראַטן־
ציעס און רעדעס:
משה עובד, אייזיק גאָלדבערג, י.
ביעטש, אליהו פּאָלושאַק, נעט רובין
און דאָרא דימאַנט, שלמה אויערבאַך.
אַריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער



Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 6 (העפט 113) צענטער יאָרגאַנג יוני 1949 לאָנדאָן



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


**אינהאַלט:**


| | | |
|---|---|---|
| תיקון־ליל־שבועות־טראַכטענישן | ** | 1 |
| אַ שבועות־סאָנעט | יוסף הלל לעווי | 3 |
| ארץ ישראל פּאַנאָראַמע | דר. יעקב י. מייטליס | 4 |
| אהאספער (ליד) | מאַקס הערשמאַן | 12 |
| טונקלע טעג (דערציילונג) | א. מ. פוקס | 13 |
| אַ גרופּע יידישע שרייבער (פאָטאָגראַפיע) | | 19 |
| צווייַ באַזאַר פילאָזאָפן (פּאָעמע) | משה עובד | 20 |
| דעם בריסקער רב'ס מנחה | יחזקאל נח ערלעכמאַן | 22 |
| רבי שמעון בן יוחאי (פּאָעמע) | א. נ. שטענצל | 24 |
| איבערזעצטע רעדעס (עסיי) | לעאָ קעניג | 27 |
| די געשיכטע פון מזרח לאָנדאָן, אויסשטעלונג אין דער ווייטשעפּל קונסט גאַלעריע | אהרן ר. ראַלין | 30 |
| לייענען (עסיי) | יוסף לעפטוויטש | 34 |
| אין אייראָפּע און ביי אונז אונטערן אויוון (שלוס) | אליהו פּאָלושאַק | 40 |
| אויף דער לויה פון יאַנקל אַדלער | דאָרא דימאַנט | 45 |
| אויפן קבר פון אַ פריינט | יעקב מייטליס | 46 |
| יאַנקל אַדלער אין דער מאָדערנער מאָלעריי | ש. | 48 |
| בילד פון יענקל אדלער | | 49 |
| בילד פון יענקל אדלער | | 51 |
| פאַרלוירן אַ כלה מיט צען טויזנט רובל נדן | מאַרקס כהן | 52 |
| אַ חתונה בשעת מגפה (פעליעטאָן) | א.ב.ש. | 57 |
| דער קבלת פנים פאַר משה עובד | | 60 |
| דאָס ירושלימער בחורל | משה עובד | 61 |
| אַ סאָלדאַט בשעתן דאַווענען | סערל ראָס | 62 |
| דער שליח פון איק"פּא, דר. לינדענבערג | | 62 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 64 |


## פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים


אבאָנענטס־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.